# דער יוד

# DER JUDE

## צייטשריפט פיר אלע יודישע אינטערעסען

ערשיינט יעדע וואָך — פערלאַג: חברת „אחיאסף“.

קראקוי, אייר תרס״ב. — פיערטער יאהרגאנג. — Krakau, 29 Mai 1902.

נומר 22

## אינהאלט:

א) דער נאציאנאלפאָנד. — כ. אוסישקין.
ב) פאָליטישע איבערזיכט. — י. ל.
ג) בריעף פון וויען. — י. א. לובעצקי.
ד) די צווייטע אסיפה פון עסטרייכישע ציוניסטען. — כ. ב.
ה) יודישע שטערט און שטערטליך. — די ביהן.
ו) די יודישע וועלט.
ז) אלגעמיינע וועלט-נייעס.
ח) פאפירענע קינדער. (סקיצע). — ז. לעווין.
ט) קליינע מענשעליך. (פעלעטאָן). — שלום-עליכם.

שנה חמישית **„השלח“** 1902

מכתב עתי חדשי למדע, לספרות ולעניני החיים.

המו״ל: **חברת „אחיאסף“.** העורך: **אשר גינצבורג.**

יצאה לאור ונשלחה לכל החותמים החוברת הרביעית (April)

וזה תוכן עניניה:

א) שאלות ארץ ישראל (ב. הישוב ואפטרופסיו. המשך). אחד העם.
ב) שאלת הכלכלה ומקומה בתנועתנו הלאומית (המשך). ד״ר ת. ד. הורוויץ.
ג) נפש רצוצה (ציורים מימי הילדות. המשך). ש. בן-ציון.
ד) יהדות ואנושיות. יוסף קלוזנר.
ה) חכמת בן סירא (המשך). דוד כהנא.
ו) עשרת השבטים (המשך). שמעון מנחם לזר.
ז) תבת נח (שיר). יעקב קפלן.
ח) השקפה כללית (II). ד״ר ש. הלוי.
ט) ענינים שונים (א. ש. פריעדבערג. ר. — היהדות ו„האדם העליון“. מ. רבינוביץ. — תשובה קצרה. אחד העם. — הערה. ש. א. הארארעצקי).
י) ידיעות ספרותיות.

**תנאי החתימה ברוסיא: לשנה — 6 רו״כ, לחצי שנה — 3 רו״כ. לרבע שנה לא תתקבל החתימה כלל.**

כתובת המו״ל:

**Издательство „АХIАСАФЪ“, Варшава.**

**Verlag „Achiasaf“, Warschau.**

חותמי ארצות המערב יואילו לפנות ע״פ הכתבת:

Administration „Der Jude“ Krakau, Gertrudag. 16.

המחיר לשנה: 16 קראָנען, 13 מארק, 17 פראנק. בארץ ישראל — 15 פראנק. לחצי שנה: חצי המחיר הנ״ל.

# „די יודישע פאמיליע“

**א מאנאטליכער זשורנאל פיר ליטעראטור און וויסענשאפט.**

פערלאַג: חברת „אחיאסף“

**עס איז ארויס פון דרוק און איז צושיקט געווארען מיט דער נומער 21 דאס פינפטע העפט.**

דער אינהאלט איז פאָלגענדער:

א) א „וויגרישנע ביליעט“ (ערצעהלונג. ענדע). — שלום עליכם.
ב) אבגענארט (ערצעהלונג). — שלום אש.
ג) דאס כפרה-היהנדיל (ערצעהלונג. פאָרטזעצונג.) — האל קען.
ד) ד״ר שלמה מאַנדעלקערן (ביאגראַפיע). — י. ה. זאגאראדסקי.
ה) א בריעף צום דאָקטאָר (ענדע). — ד״ר יעקב טשערני.
ו) דער כח פון א רענענס-טראָפען (פאָרטזעצונג). — ג. ח. לעוונער.
ז) ווי מען פלעגט שרייבען פאַר צייטען. — אבנר.
ח) ראש חודש. — י. ל. צופעליג.
ט) יודישע וויטצען. — ריש.

**דער פרייז פון דעם זשורנאל פיר די אבאָנענטען פון „יוד“: יעהרליך נור 1 רובל (מיט פארטא 1.50 רובל).**

אדרעססע:

Administration „Die Jüdische Familie“ Krakau, Gertrudy 16.

פיר רוסלאַנד:

**Издательство „Ахiасафъ“, Варшава.**

# רשימת ספרים חדשים גם ישנים שנכנסו לבתי מסחר הספרים של „חברת אחיאסף", ווארשא

**א) טווארדא נו' 6. ב) נאלעווקי איוואנאוו־באזאר.**

ק' ר'

הירושה והחנוך, כתבי איש יהודי . . . . . . . . . . . . . . — 1
בעיר הנכחדה, ספור, תרגום מגן . . . . . . . . . . . . . 40—
לקסיקון פסידונימים, מ. זאבלאצקי . . . . . . . . . . . . . 50—
מלון עברי, מתורגם אשכנזית המדוברת (זשרגון) מאת בן־יהודה . . . — 1
לתחית שפת עבר ולהתפתחותה, חוב' א־ב, מאת אשר ווארשאווסקי . 50—
משפט הישוב החדש בארץ ישראל, מאת א. ש. הרשנברג. . . . . . 80—
ספר המזכיר, יברר כל שם עצם פרטי הנמצא במקראי קדש ובש"ס, מאת מ. ר. אס:ער . . . . . . . . . . . . . 40—
ספר הזכרונות, ב"ח, קובץ מאמרים שבאו במכה"ע מאת א. ש פרידבערג — 1
עמק הארזים, ב"ח, ספור מראשית דרכי האינקוויזיציה, מאת הנ"ל . . — 1
עיר ובהלות, ספור, מאת הנ"ל . . . . . . . . . . . . 50—
שפה לנאמנים, ללמוד שפת עבר על טהרת הקדש, מאת הנ"ל . . . 70—
עיט צבוע, ה"ח, מאת א. כאפו . . . . . . . . . . . . 1 25
זכרונות, רשימות וציורים, מאת י. פריידזאהן . . . . . . . . 10—
מסכת שטרות, עד ני' רעגאל . . . . . . . . . . . . 35—
עיגול דרב נחשן על האלף הנוכחי, מאת בעה"מ ס' „מאור חדש" . . 12—
שאו נס ציונה, חלק שני מספר „נגה אש לציון", מאת א. שמלצשטיין . 40—
תפלות לילדי בני ישראל עם תרגום רוסיה ועם עיקרי הדת מאת ב. ל. סגל 30 —
תולדות ישראל, מן בריאת העולם עד זמן התלמוד עם תרגום רוסיה, מאת הנ"ל . . . . . . . . . . . . . . 40—

---

חסידישע יונגעל, איין לעבענס בעשרייבונג פון א פוילישען יונגעל, לינעצקי — 1
בלוטיגע נקמה, א ראָמאן פון דער צווייטע אינקוויזיציאָן, 2 טהייל, הנ"ל 22—
דער צבועיק, אָדער מאַסקירטער ר' צדוק, א ראָמאן, וו. שפירא . . . — 1
פראַקטישע לעהרבוך, גרינדליך צו ערלערנען די רוסישע שפראַכע נאך אלענדארפס מעטאָדע, 3 טהייל . . . . . . . . 1 50
פראקטישער בוכהאלטער פון י. לעוויק, 2־טע בעסערע אויסגאַבע, נור — 1
די קאלאָניסטען, א ראמאַן 2 טהייל פון יהל"ל, אנשטאט 80 קאָפּ' נור 60—
דאס הייליגע לאנד, וועגען ישא"י, אנשטאט 1.50 ר'. . . . . נור 90—
פּאָליטישער ציוניזם, פון ש. טשערנאוויץ . . . . . . . . 12—
עפּפעלבערגס איללוסטרירטער קאלענדאר . . . . . . . . 50—
חנוכה געשענק, פון פרוג, נאַרדוי און מאנדעלשטאם . . . . . — 3
ווי לעבען די חיות, פון נ. רובאקין . . . . . . . . . 40—
די עקאָנאָמישע לעהרע, נאך באגדאנאוו, פון א. ש. זקש . . . . . 25 —
ציוט ליעדער, פון אברהם רייזין . . . . . . . . . . 20—
רייגליכקייט און געזונד, פון ד"ר יעווניק, נו' 1 . . . . . . 8 —
גאך דער גרויסער שריפה, ערצעהלונג פון ד"ר מ. אייזענשטאדט . . . 3 —
גיט טויט גיט לעבעדיג, אָדער דעם פוילישען יונגעלס אַ זאָהן, פון לינעצקע 35—
היפנאטיזם, די קונסט צו היפנאטיזירען, פון ד. הערמאלין . . . . — 6
קולטור געשיכטע, איבער דעם לעבען און פיהרונג פון מענשען, פ. קראנץ, יעדעס העפט . . . . . . . . . . . . . . 30—
די געשיכטע פון דער מענשליכער ענטוויקלונג, פ. שטדייסלער . . . 25—
ברוך שפינוזה, זיין לעבען און פערפאלגונג, בערטהאלד אויערבאך . . 40—
בנימין פראנקלין, לעבענס בעשרייבונג, ש. ל. הורוויטש . . . . . 10—
רמב"ם לעבען בעשרייבונג פון י. ח. זאגאראדסקי . . . . . . 10—
מענשליכע בעסטיעס, א בילד פון מענשליכע פערדארבענהייט, ע. זאלא 30—
גאנטאס, א רעאליסטישעס לעבענס בילד „ „ . 25—
פערגיפטעטער קוס, א אינטערעסאנטער ראמאן „ „ . 50—
די דארפס מיידעל „ „ . 25—
לעבען אין טויט, א שילדערונג איבער היהנער פלעט „ „ . 25 —
ליעבעס נאכט, א שילדערונג איבער די פערדארבענהייט „ „ . 25—
פון חופה צום קבר „ „ . 25—
בלוטיגע חתונה, א היסטאָרישעס בילד פון דייטש פראנצווישען קריג „ „ . 25—
אננא קארעגינא, פון גראף ל. טאלסטאי . . . . . . . 50—
איך און מיין מאן „ „ „ „ . . . . . . . . . 25—
איוואן דער נאר „ „ „ „ . . . . . . . . . 12—
צוויי דורות, א שילדערונג פון לעבען „ „ „ „ . . . . . . . . . 25—
איוואן איליטשעס טויט, א שילדערונג וואס מע דיינקט אין די לעצטע מינוטען פון טויט, ד. ז. . . . . 25—
מיין פריינדס פרויא „ „ . . . 25—

קרייצער סאנאטא, א שילדערונג איבער פערהייראט־לעבען ד. ז. . . . . 25—
חרם דרבינו גרשם, א היסטאָרישע ערצעהלונג פון ד"ר לעהמאן . . . . 25—
דער שטאָדט מסיר (קבורת חמור), פון פ. סמאלענסקי, איבערזעצט פון י. ראבינאוויץ . . . . . . . . . . . . 30—
דער שווינדלער (שמחת חנף) „ . . . . . . . . . . . 25—
שוואַרצע קונסט, ערקלערט וואס איז צויבעריי, פון א. טאנענבוים . . . 25—
שטומער בעטלער, א היסטאָרישער ראמאן, פון א. טאנענבוים . . . . — 2
כל המקחים הם לבד פארטא.

צו אויסשטאטונגען
די בעסטע בעצוגסקוועלע פון צודאטען צו דאַמען־קינדער־ אונד בעט־וועשע.
אלערליי טול־וואַרען, שפי־ צען, שטיקערייען, זיידענע שארפען פישעע, האַנדשוהע, זאָקען און טאשען־טיכער.
ווייסע און קאָלירטע באַ־ טיסטען צו העמדען און בלאוזען.
☞ פיינסטע וואַרע, מע־ סיגע פרייזען. רעעלסטע בע־ האנדלונג.
☞ גארדינען צו פערשיעדענע פרייזען.
М. АРКИНЪ
Варщава, Гусья № 6.

עס ווערען געפאָדערט אגענטען:
אויף זעהר גוטע בעדינגונג. ניי גע־ עפענטע פאבריק פון קויטשוק און מעטאל־סטעמפּ־ לען שיקט ארויס א רייך־אילוסטריר־ טען קאטאלאג (ביז 120 זייטען מיט די נייעסטע ריסונקעס און נייעסטען פון אויסלאנד). נאר פאר דריי צוע־ בענקאפּיקענע מארקען.



אדרעס:
Въ контору фабр. штемп. и ко- жаныхъ изд. Ш. Е, Фридманъ, Варшава, Купеческая 6.

דר. מ. גאטטליעב
אָרדינאטאר דער קייזערליכען אוני־ ווערסיטעט־קליניק
ווארשא, קארמעליצקא 4, 471

דאנטיסט 392
בערלין־קרופּיצקי, ווארשא
נאלעווקי נו' 7
ספעציאליטעט־קונסטליכע צאהנע קארא־ נען און בריקען ארבייט (אָהנע גומען).
!! רעפּעריערט אין 2 שטונדען !

נמצאו לממכר בבתי מסחר הספרים של חברת „אחיאסף"
1) טווארדא 6, 2) נאלעווקי, איוואנאוו באזאר.

**Das stenographische Protocoll**
der Verhandlungen des
**V. CONGRESSES zu BASEL**
מחירו 75 ק', עם פאָרטאָ 90 ק'.

# Der Zionismus
von
Dr. MAX NORDAU
מחירו 20 קאפ., עם פאָרטאָ 25 קאפ.

IV. Jahrgang. **DER JUDE.** Nr. 22

דער פרייז פיר רוססלאנד:
גאנץ יאהרליך —.5 רובל.
האלב יאהרליך —.3 "
פיערטעל יאהרליך 1.50 "

מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רובל
דען 1טען אפריל — 2 "
דע 1טען אויגוסט — 1 "

איינצעלנע נומערן 15 קאפ. — 30 העללער.

ענדערן די אדרעס קאסט 20 קאפ

די אדרעסע פיר רוסלאנד:
Издательство
„Ахіасафъ", Варшава.

# דער יוד

צייטשריפט
## פיר אלע יודישע אינטערעסען.
ערשיינט יעדע וואך.
פערלאג: חברת „אחיאסף".

אבאנאמענטס פרייז יאהרליך:
אסטרייך-אונגארן —.12 קראנען
האלביאהריג —.6 "
פירטעליאהריג —.3 "
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אנדערע לענדער —.15 "
אמעריקא ענגלאנד —.10 שילינג

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט 20 העללער, 25 פפעניג, 10 קאפ.

די אדרעסע פיר עסטר.-אונגארן און אנדערע לענדער:
Administration Der Jude,
Krakau, Gertrudy 16.

קראקוי, אייר תרס"ב. נומר 22 Krakau, 29 Mai 1902.

אין די קומענדיגע נומערן „דער יוד" הויבט זיך אן צו דרוקען איין אריגינעלע ארבייט אונטער דעם נאמען:

# סֵפֶר הַבְּהֵמוֹת

פון

## ש. י. אבראמאוויץ

לכבוד רב מנחם מענדעלי מוכר ספרים

אַ מַתָּנָה

פונ'ם **מְחַבֵּר.**

## דער נאציאנאל-פאנד.

דער געדאנקען צו גרינדען א נאציאנאל-פאנד, דאס הייסט איין אייביגען קאפיטאל, וואס זאל זיין בעשטימט פאר די יודישע נאציאן, געהערט דעם פערשטארבענעם פראפעסאר שאפירא. זיין פלאן וועגען א נאציאנאל-פאנד האט ער נאך פארגעלעגט אויף דעם ערשטען קאנגרעס. אבער עס זענען נויטהיג געווען גאנצע 4 יאהר, ביז דער דאזיגער געדאנקען האט זיך געקאנט איינווארצלען. דער ציוניזם איז אין דער צייט אויסגעוואקסען, אונזערע קרעפטען זענען גרעסער געווארען, און דער 5-טער קאנגרעס האט שוין דעם געדאנקען אנגענומען. אמת, די תקנות וועגען דעם נאציאנאל-פאנד זענען נאך ניט אין גאנצען אויסגעארבייט, די יורידישע זיכערונג פאר איהם איז נאך ניט אין גאנצען בעשטימט געווארען, — דאס אלץ זענען ארבייטען, וואס זענען איבערגעבליבען פאר דעם 6-טען קאנגרעס. דערווייל איז אויף דעם 5-טען קאנגרעס אויסגעקליבען געווארען איין בעזונדער קאמיסיע פון געניטע יוריסטען אויס פערשידענע לענדער, וועלכע זוכט די מיטלען און וועגען, ווי אזוי דאס אלץ איינצוריכטען; אבער די עיקר-יסודות פון נאציאנאל-פאנד זענען שוין אנגענומען און בלייבען בעשטעהן אויף תמיד.

די עיקר-יסודות זענען די דאזיגע: א) דאס גאנצע געלד פון נאציאנאלפאנד איז נור אויף צו קויפען ערד אין ארץ ישראל; ב) דער בעל הבית פון דעם געקויפטען ערד בלייבט אויף אייביג דאס יודישע פאלק; ג) די טהיילנעהמער פין פאנד קענען זיין אלע יודען; דער אנטהייל קען בעשטעהן פון דער קלענסטער מטבע אן — פון איין קאפיקע.

די אלע דריי פונקטען דארפען ערקלערט ווערען:

א) עס קען ארויסקומען די גרעסטע סכנה פאר דעם ציוניזם, ווען די יודען ווילען זיך צו שפעט נעהמען צו דער קאלאניזאציע אין ארץ ישראל. די פאליטישע שוועריקייטען, די גלייכגילטיגקייט פון דעם יודישען פאלק און די מלחמות צווישען די פארטייען קענען נאך ניט זיין אזוי געפעהרליך ווען די ערד אין ארץ ישראל וועט נור בלייבען פריי און ניט בעזעצט פון אנדערע פעלקער. די צייט און די שווערע ארבייט קענען די אלע שוועריקייטען גובר זיין. עס איז אבער פארהאן די געפאהר, אז ווען עס וועט קומען די צייט, ווען מיר וועלען שוין וועלען געהן קיין ארץ ישראל, און ווען טערקיי און די אנדערע מלוכות וועלען אונז שוין געבען די ערלויבעניש דערצו, וועט דאן שוין קיין ערד פאר אונז מעהר ניט בלייבען. די לעצטע יאהרען הויבען אן די אייראפעאישע פעלקער וואס ווייטער אלץ מעהר זיך צוקוקען צו די מזרח-לענדער. עס געהט ניט אוועק קיין חדש, אז דייטשען, פראנצויזען, גריעכען, ארמעניער אדער אנדערע פעלקער זאלען ניט קויפען קיין ערד אין ארץ ישראל. און דאס הייליגע לאנד איז אמת רייך און טהייער, אבער עס איז קליין. מיר קענען דאס לאנד גיך אין גרינג ארויסלאזען פון אונזערע הענד. מיר קענען נאך האפען אויסצוקויפען די ערד פון די טערקען און אראבער. אבער א

סך שווערער וועט אונז זיין זי ארויסצוקריגען פון די אייראפעאישע הענד. עס וועט בלייבען א אייביגע שאנד פאר אונז, אז מיר וועלען פערלירען אונזער לאנד נור דורך אונזער קורצזיכטיגקייט. ניין, דאס טארען מיר ניט דערלאזען. זאלען זיך קריגען צווישען זיך אונזערע פערשידענע פארטייען, אבער ביי וועמען עס איז נאך געבליבען איין פונק יודישעס געפיהל, דער וועט ניט בלייבען פון דער זייטענס און רוהיג צוזעהן, ווי אונזער לאנד ווערט איינגעשלונגען פון פרעמדע. ווער עס וועט נור אויף א רגע א קלער טהון איבער אונזער לאגע, דער וועט זיך געוויס ניט אבזאגען אריינצוטראגען אויך זיין טהייל אין דעם קאפיטאל, וואס איז בעשטימט אויסצוקויפען דאס לאנד. אבער וואו נעמט מען דאס געלד דערצו? די נרבות, וואס קומען אן אין דעם אדעסער קאמיטעט, געהען נור אויף שטיצע פאר די קאלאניסטען. מיט דעם געלד פון די שקלים קומט מען קוים אויס אויף אויסצוהאלטען די קאנגרעסען, דאס ביורא פון דעם אקציאנס־קאמיטעט און די גרויסע אגיטאציע אין אלע לענדער פון דער וועלט. די מיטלען פון דער יודישער קאלאניאלבאנק קענען אויך ניט פערוועגדעט ווערען אויף צו קויפען ערד, ווייל די באנק קען ניט אריינלעגען איהרע קאפיטאלען אין אזוינע זאכען, פון וועלכע זיי קענען גרינג ניט ארויסגענומען ווערען צוריק; די באנק מוז איהר געלד שטענדיג האבען אין אומזאטץ. דערום מוז געשאפען ווערען איין בעזונדער קאפיטאל אויף צו קויפען ערד אין ארץ ישראל. דאס האט אויך געטהון דער 5־טער קאנגרעס, בעשאפענדיג א קרן קימת אדער דעם נאציאנאלפאנד.

ב. אונזער גרויסער פיהרער משה רבינו האט שוין פארויסגעזעהן דאס אומגליק, וואס קען ארויסקומען פאר דאס יודישע פאלק, ווען די ערד וועט זיין ניט גלייך פערטהיילט, ווען פון איין זייט וועלען זיין רייכע בעלי בתים מיט פיעל ערד, און פון דער אנדער זייט וועלען זיין נעדוננענע ארבייטער גאר אהן ערד. משה רבינו האט ניט געקאנט דערלאזען, אז אין דער מלוכה פון דעם בעפרייטען יודישען פאלק זאל הערשען קנעכטשאפט און דלות. דערום האט ער בעשטימט א יובל יאהר, ד. ה. א צייט פון 50 יאהר, ווען די פערקויפטע ערד געהט איבער צוריק צו איהרע פריהערדיגע בעלי בתים אדער צו זייערע יורשים. דורך דעם האט די ערד אין ארץ ישראל געקענט פערקויפט ווערען ניט מעהר ווי אויף 50 יאהר.

צוטרעטענדיג איצט צו אונזער גרויסען ציוניסטישען פלאן, דארפען מיר געהן אין דעם וועג, וועלכען עס האט אנגעצייכענט פאר אונז משה רבינו, און מיר דארפען בייצייטענס זיך בעווארענען, אז די ערד זאל געהערען דעם גאנצען פאלק און ניט איינצעלנע מענשען. די ערד אין אונזער לאנד וועט געהערען דעם פאלק, און זי וועט נור פערדונגען ווערען איינצעלנע מענשען זי צו בעארבייטען. נאר וועגען די פרטים פון דער זאך איצט צו קלערען, איז נאך צו פריה. איצט דארף נור אלעס געטהון ווערען צו שאפען דעם יודישען נאציאנאל-פאנד.

נ. ווען די ערד וועט געהערען ניט איינצעלנע מענשען, נאר דעם גאנצען יודישען פאלק, דארף אויך דאס געלד דערויף צונויפגענומען ווערען ניט פון איינצעלנע פינאנסיסטען, נאר פון גאנצען פאלק, ניט אויסלאזענדיג אפילו דעם קלענסטען און דעם ארימסטען. א ניט וואלט די יודישע ערד געווען נור א מתנה, וואס דאס פאלק וואלט געקראגען פון זיינע רייכע קינדער און ניט ערווארבען מיט זיין שוויים און בלוט. דאס איז זעהר וויכטיג, ווייל וואס עס קומט אן גרינג, ווערט גיך פערלארען. דערפאר האט מען איינגעפיהרט פאר

# פעלעטאן.

## קליינע מענשעליך
### מיט קליינע השגות.

בילדער
פון שלום־עליכם.

XV.

### איין אייגענע שטאדט.

א.

כל־זמן רב שמשון האט געלעבט, זענען זיינע צוויי זיהן, מאיר און שניאר, געווען נפש אחת, טאקי ווי מע זאגט איין זעל איין נשמה, ווארום אחוץ דעם וואס זיי זענען געווען איינגענע ברידער, פון איין טאטען און פון איין מאמען, זענען זיי נאך געווען א צווילינג אויך און אזוי געראטען איינס אינ'ם אנדערען, אז ס'איז שווער געווען צו טרעפען, ווער איז מאיר און ווער איז שניאר.

קינדווייז, דערצעהלט מען, האט זיך געטראפען א מעשה, מע האט זיי שיער ניט פערביטען, און אפשר קאן זיין אז מע האט זיי טאקי פערביטען. ומעשה שהיה כך היה.

רב שמשונ'ס ווייב שרה־סטיסיל איז געווען א יודינע א קליינינטשקע, נעביך נישט קיין געזונדע, נאר זעהר א קינדעלדיגע. דאס הייסט זי האט אויף איהר לעבען געקינדעלט און געקינדעלט, נאר די קינדער האבען זיך ביי איהר ניט דא געדאכט ניט געהאלטען; אלע יאהר, אלע יאהר האט זי געהאט א קינד, דאס קינד האט אבגעלעבט א יאהר און איז אוועקגעגאנגען, אזוי לאנג ביז זי האט אויפגעהערט צו קינדלען און האט געמיינט ס'איז איין עק, צום סוף האט זי נאט בעגליקט, אויף דער עלטער שוין, מיט א פאריל, איז איהר שווער געווען אליין אויסצוזויגען ביידע קינדער, האט זי צוגענומען איין אם, זי זאל איהר צוהעלפען זויגען. זיך האט שרה־סטיסיל גענומען מאיר'ן (ער איז געווען עלטער כמעט אויף א פערטיל שעה), און שניאר'ן האט זי אוועקגעגעבען דער אם. נאר אזוי ווי די אם איז אויך געווען א יודינע נעביך נישט קיין געזונדע, האבען ביידע קינדער, אי מאיר אי שניאר, ניט געהאט וואס צו זויגע', נעביך ביידע אויסגעגאנגען פון הונגער, געשריען גאנצע נעכט: „גוואלד, וואס האט איהר בעדארפט צוויי פיקערס, אז איהר קאנט איינעם נישט אויסהאלטען?"... מע זאל ניט געווען אונטערהאדעווען זיי מיט א שטיקיל צעקייטע בולקע מיט צוקער, אדער אזוי פערשטופען דאס מויל מיט א שמאטקעלי, וואלטען זיי שוין לאנג אנגעשפארט דארטען וואו זייערע עלטערע ברידערליך און שוועסטערליך. פון אזא „האדיוולי" האבען זיי אפילו שטארק געליטען אויף די בייכליך, זיך געריסען אויף די גלייכע ווענט. האט מען זיי אבגעשפראכען א גוט אויג און אזוי לאנג געוויגט, געטרייסעלט און געווארפען ביז מע האט זיי פערטומעלט — און די צוויי הברה'לייט האבען זיך יאקאש דורכגעשלאגען זייער וועלטיל...

ויהי היום דאט מען גענומען איין מאל די קינדער באדען געוויינטליך ביידע אין איין מילטער; אויסגעטהון זיי די העמדעליך און אריינגעלייגט זיי אין הייס וואסער אריין, זענען ביידע ברעקליך געווארען רויט און אנגעבלאזען ווי די פאחירליך: עס ווייזט אויס זיי האבען משונה הנאה געהאט (א יוד האט ליעב א באד), ביידע זוינגרינס זענען געשטאנען איבער'ן מילטער און אונטערגעגאסען אלע מאל פריש וואסער, און די קינדער האבען אנגעקוואלען, געמאכט מיט די הענטליך און מיט די פיסליך, ווי אז מע חאפט א זשוקיל און מע קעהרט דאס איבער מיט'ן בייכיל ארויף. אבגעבאדען האט מען דאס פאריל ארויסגענומען, איינגעהילט אין א ליילי־

דעם נאציאנאלפאנד בעזונדערע מארקען, ווייל עס איז ניטא אזא ארימער יוד אדער אזא ארימע יודין, וועלכע זאל ניט קענען פון צייט צו צייט אבשפארען איין קאפיקע צו קויפען א מארקע פון דעם נאציאנאלפאנד.

דאס צונויפגעקליבענע געלד ווערט אבגעשיקט נאך לאנדאן אין די יודישע קאלאניאלבאנק. דאס געלד בלייבט ניט געריהרט, ביז עס וועלען זיך ניט אנקלויבען 2 מיליאן רובעל. געלד קען מען פון דעם פאנד ניט אויסגעבען אהן דעם הסכם פון קאנגרעס.

מיט וועלכע מיטלען קען דער פאנד געשאפען ווערען?

1) דורך נדבות פון 10 פונט שטערלינג (95 רובעל). יעדער, וואס טראגט אריין אזא סומע, ווערט אריינגעשריבען אויף אייביג אין א בעזונדער „גילדערנעם בוך", וועלכעס וועט בלייבען אויף דור דורות. עס זענען פארהאן פיעל בעמיטעלטע יודען, אויך ניט ציוניסטען, וועלכע וועלען געוויס וועלען, אז זייערע נעמען אדער די נעמען פון זייערע ווייבער און קינדער זאלען אין דעם גילדערנעם בוך אויף איין אייביגען אנדענקען פערשריבען ווערען צווישען די אויסלייזער פון דעם הייליגען לאנד. די פעראיינען דארפען מאכען צעטלען פון די רייכע יודען אין זייערע שטעדט און זיך ווענדען צו זיי וועגען די 10 פונטיגע נדבות. דאס געלד דארף אבגעשיקט ווערען אין די יודישע באנק אין לאנדאן, וועלכע וועט גלייך ארויסשיקען א קוויט אויף דעם מנדב'ס נאמען.

2) די חברים פון יעדער ציוניסטישער אגודה דארפען צווישען זיך צונויפקלויבען 10 פונט שטערלינג און אריינשרייבען זייער חברה אין דאס גילדערנע בוך, א קוויט ווערט ארויסגעגעבען פון באנק אויף דעם נאמען פון דער חברה.

3) בתי מדרשים, שולען און אלערליי חברות איבערהויפט דארפען זיך אויך פערשרייבען אין דאס גילדערנע בוך. דאס געלד קען צונויפגעקליבען ווערען צוביסליכווייז פון די מתפללים אין די שולען אדער פון די חברים פון חבירות. שולען און חברות זענען ביי אונז דא זעהר פיעל. און ווען עס וועט איינגעווארצעלט ווערען ביי אונז דער מנהג, אז יעדע שול אדער יעדע חברה זאל זיך איינשרייבען אין דאס גילדערנע בוך, וועט דערפון אונזער נאציאנאלפאנד אנהויבען גיך וואקסען.

4) נדבות ווייניגער פון 95 רובעל, אבער דאך צו גרויסע, אז מען זאל אויף זיי ארויסגעבען קאפיקענקע מארקעס אלס קוויטען. אזוינע נדבות דארפען אויעקגעשיקט ווערען קיין וויען צו דעם אקציאנסקאמיטעט מיט דעם צעטעל פון די מנדבים.

5. דאס וויכטיגסטע מיטעל איז אבער דער פערקויף פון בעזונדערע קאפיקענע מארקעס. יעדער פעראיין דארף אבטהיילען א געוויסע סומע געלד, אויף צו קויפען מארקעס, די מארקעס ווערען פערקויפט נור פאר מזומן. מיט'ן פערקויף פון מארקעס דארף זיך תמיד פערנעהמען יעדער פעראיין, מען דארף זעהן, צו פערקויפען וואס מעהר מארקעס. עס איז ניטא דער ארט און די צייט, אז מען זאל קיין מארקעס ניט קענען פערקויפען, מען דארף נור וועגען דעם קיינמאל ניט פערגעסען. די מארקעס זענען צו 10 שטיק אין איין ליגענדיגען פאס. פון דער לינקער זייט פון יעדען פאס געפינט זיך א טאלאן. אויף צו פערקויפען אנדערע קען מען קויפען ניט ווייניגער ווי 10 מארקעס. ביים פערקויפען דארפען די איינציגע מארקעס איינגעריסען אדער איבערגעשטראכען ווערען. מארקעס אהן טאלאנעס קענען ניט פערקויפט ווערען.

נאך איינינע מיטלען ווי צו פערקויפען די מארקעס פון נאציאנאל פאנד: פונאנדערטהיילען די מארקעס אין יודישע קראמען, וואו זיי

---

און אוועקגעליינט אין בעט אריין זיי זאלען זיך א ביסיל אבטרוקענען, און אז ס'איז געקומען צום אנטהון זיי צוריק די העמדעליך, האט מען נישט געקאנט דערקענען, ווער פון די צוויי איז מאיר און ווער איז שניאר? איינע שרייט אויף מאיר'ן אז ס'איז שניאר און אויף שניאר'ן אז ס'איז מאיר, און די אנדערע דרינגט פונקט פערקעהרט, אז שניאר איז מאיר און מאיר איז שניאר. זענען די מאנסבלין געפאלען אויף איין עצה (פארט מאנסבלין!).

— ווייסט איהר וואס? פרובט זיי געבען וויגען; דער וואס וועט אננעמען ביי דער מוטער, איז א סימן אז ער איז מאיר, און דער וואס וועט אננעמען ביי דער אם, איז א סימן, אז ער איז שניאר. א פראסטער שכל!

כך הוה.ביידע ברעקליך, מע האט זיי נור צוגעטולעט צו דער ברוסט, האבען זיי זיך צוגעחאפט ווי נאך א תענית, געצויגען ווי די פיאווקעס, בשעת מעשה געדריגעט מיט די פיסליך און אונטערגעווארטשעט ווי הונגעריגע הינטליך.

— גאטס נסים — האבען געזאגט די מאנסבלין — זעהט ווי דער אויבערשטער בעשאפט די וועלט!...

---

ב.

שפעטער, אז דאס פאריל איז אונטערגעוואקסען און זיי האבען אנגעהויבען געהן אין חדר, האט זיי דער מלמד א נאמען געגעבען „די מאירס" מיט „די שניארס". גלייך ווי עס וואלט געווען צוויי מאיר'ס און צוויי שניאר'ס, דאס הייסט זיי זענען געווען אזוי עהנליך, אז יעדער פון די צוויי איז געווען פאר זיך א מאיר מיט א שניאר... נישט איין מאל האט זיך געמאכט, אז מע האט אבגעשמיסען מאיר'ן דעמאלט, ווען מע האט בעדארפט שמייסען שניאר'ן, אדער פערקעהרט, מע האט אריינגעצימבעלט שניאר'ן, דעמאלט ווען די שמיץ איז געקומען מאיר'ן. נאר בכדי ס'זאל ניט זיין נאכדעם קיין טענות, פלעגט דער רבי רב זרח פאלען אויף איין עצה (וואו תורה דארט איז חכמה!) און זאגען:

— ווייסט איהר וואס, קינדערליך? ליינט זיך ביידע, וועט ניט זיין קיין קנאה, מיך געשמיסע, דיך געשמיסען...

ערשט העט שפעטער נאך דער בר־מצוה, אז די מאירס מיט די שניארס האבען זיך אויפגעמאכט אויף די פיס, איז מיט אמאל געווארען צווישען זיי אזא חלוק, אז מע האט זיי שוין געקאנט דערקענען פאר א מייל. עס האט זיך אנגעהויבען שיטען ביי זיי א בערדיל (זיי האבען א פנים ביידע צו פריה אנגעהויבען רויכערען?), ביי מאיר'ן האט זיך בעוויזען אויף די בעקליך און אויף דער אויבערשטער ליפ שווארצע הערליך ווי סמאלע, און ביי שניאר'ן — רויטע ווי פייער. די דאזיגע בערד זענען געוואקסען ביי זיי ווי מיט רוחות (זיי האבען א פנים ביידע שטארק גערויכערט?). אזוי אז צו דער חופה (ביידע האבען זייי חתונה געהאט אין איין טאג) האבען זיי געטראגען צוויי בעזעמער, איינער א שווארצען, דער אנדערער א רויטען, און ביידע בערד האבען אויסגעזעהען אויף זייערע נאך גאר יונגע פנימער ווי אנגעהאנגענע, צוגעקלעפטע בערד.

---

ג.

כל־זמן רב שמשון האט געלעבט זענען זיינע צוויי זיהן, מאיר און שניאר, געווען נפש אחת, טאקי ווי מע זאגט איין זעל איין נשמה; נאר אז רב שמשון איז געשטארבען זענען זיי געווארען צווישען זיך... מעסערשטעך איז ווינציג; דם שונאים איז אויך נישט דאס וואס איך מיין; סיידען פייער מיט וואסער, האטש איך ווייס ניט וואס פאר א שנאה איז צווישען פייער מיט וואסער? מילא פייער האט מורא פאר וואסער, ווארום וואסער לעשט; אבער וואסער? וואס הערט וואסער דאס פייער?...

קצור הדבר וואס טויג אונז פילוסופיא? ביידע ברידער האבען זיך נאך זייער טאטענס טוידט צעקריעגט נישט אויף קאטאוועס, ס'איז געווען מסובן זיי איבערלאזען אליין אהן א שומר, זיי זאלען זיך ניט אויסרייסען די בערד אדער אבבייסען איינס דאס אנדערע די נאז. איבער וואס ווילט

קענען ארויסגעגעבען ווערען אלס רעשט אנשטאט קליינגעלד; פונאנדער־געבען אין הייזער און אין חדרים פושקעס אויף צו ווארפען נדבות פאר דעם נאציאנאלפאנד; אנקלעפען אינווייניג אין יעדען בריעף און אויף יעדען חשבון, וועלכען מען שיקט ארויס, א מארקע פון נאציאנאלפאנד. אויף די חברים פון חברות דארף עס זיין ארויפגעלעגט א חוב, נאר מען דארף זעהן איינצופיהרען דעם מנהג אויך צווישען אלע יודען; יעדער חבר פון א פעראיין דארף תמיד האבען ביי זיך מארקעס אויף צו פערקויפען.

מיט דעם קלויבען געלד פאר דעם נאציאנאלפאנד ענטשטעהט א נייע לאנגע און שווערע ארבייט, אבער איין ארבייט, וואס וועט פיהרען צו אונזער גרויסען ציעל: אומצוקעהרען דאס לאנד פון אונזערע אבות צו זיין אלטען בעל הבית — דעם יודישען פאלק.

מ. אוסישקין.

---

## פאליטישע איבערזיכט.

די קרוינונג פון דעם שפאנישען קעניג —ראזבערי'ס פראגראם.—
די פערהאנדלונגען וועגען שלום.— לובע אין רוסלאנד.

דער שפאנישער קעניג אלפאנס דער 13־טער איז איצט אלט געווארען 16 יאהר. איצט איז ער ערקלערט געווארען פאר פאליעהריג און האט אנגעטהון אויף זיך די שפאנישע קרוין. ביז איצט האט געפיהרט די מלוכה זיין מוטער כריסטינע, איין עסטרייכישע פרינצעסין. פון זיין געבארען אן איז זי געוועזען די מלכה און די הערשערין פון שפאניען, וויל איהר מאן, דער שפאנישער קעניג אלפאנס דער 12־טער איז געשטארבען נאר מיט א פאר חדשים פריהער, איידער זיין זוהן איז געבארען געווארען. גאנצע 16 יאהר האט זי, איין עסטרייכערין, געהערשט אין זוהנס נאמען איבער שפאניען. איצט זאגט זי זיך אב פון איהר הערשאפט און גיט זי איבער איהר יונגען זוהן אין די הענד. זי האט געוואלט איהם איבערגעבען די מלוכה איבער אלע שפאנישע לענדער, וועלכע זי האט געקראגען פון איהר מאן, זי האט געוואלט איהם איבערגעבען א לאנד, וואס זאל זיין רוהיג און צופרידען. דאס אבער האט זיך איהר ניט איינגעגעבען. דאס לאנד איז פעראָרימט און שטענדיג צוריסען פון מחלוקת'ן צווישען די פאליטישע פארטייען און פון אונארדענונגען. אלע ווײלע ברעכען אויס אין שפאניען נייע בונטען. פערשידענע טהיילען פון דער מלוכה ווילען קריגען גרעסערע זעלבסטשטענדיגקייט פאר זיך. א גרויסער טהייל פון פאלק וויל ארויפזעצען אויף דעם שפאנישען טראהן איין אנדער קעניג. דאן קארלאס, דער קאנדידאט אויף דעם טראהן, רוהט ניט און זוכט נור די געלעגענהייט, ווען אויפצוהויבען זיין פאהן נעגען דאס איצטיגע קעניגליכע הויז. די ארבייטער האבען אין שפאניען איין איינענע גרויסע פארטיי און זיי ווערען געפיהרט פון מענשען, וועלכע ווילען אין גאנצען מבטל זיין די מלוכה אין שפאניען און זי מאכען פאר א רעפובליק.

צו אזא שלעכטער לאגע אינעווייניג אין לאנד קומען נאך צו די פרישע וואונדען, וועלכע זענען אין שפאניען נאך גיט פערהיילט געווארען פון דער מלחמה מיט אמעריקא. שפאניען, וואס איז א מאל רייך געוועזען דורך איהרע קאלאניעס אין די ווייטע לענדער, האט איצט זיי כמעט גאר אין גאנצען פערלארען. דורך די אכזריות, מיט וועלכער די שפאניער האבען בעהאנדעלט די איינוואהנער פון די קאלאניעס, האבען זיי ארויסגערופען מרידות און די מלחמה מיט אמעריקא. אין דער מלחמה האט שפאניען פערלארען די גרויסע אינזלען קובא און פארטאריקא אין אמעריקא און די פיליפין־אינזעלן אין אזיען. שפאניען, וואס איז א מאל געוועזען מיט איהר פלאט איינע פון די שטארקסטע מלוכות אויפ'ן ים, האט אין דער לעצטער מלחמה פערלארען אלע איהרע שיפען.

---

איהר וויסען? איבער וואס קריעגען זיך קינדער נאכ'ן טאטענס טוידט? געוויינטליך איבער ירושה!

רב שמשון איז ניט געוועזען אזא גביר, ער זאל איבערלאזען פעלדער אדער וועלדער, נחלאות און הייזער, מטלטלין, רענטעס, אדער מזומן געלד; קיין סך צירונג, זילבער און כלי בית האט ער אויך ניט אבגעשריבען פון די קינדערס וועגען, נישט מחמת קארגשאפט אדער שלעכטיגקייט, נאר מחמת ער איז כל ימיו געוועזען א יוד איין ארימאן און איז געשטארבען א קבצן. וואס־זשע פאר א ירושה איז פון איהם געבליבען? איין אייגענע שטאדט אינ'ם אלטען כתריליווקער בית־המדרש סאמע אויבען אן אין מזרח וואנד ניט ווייט פון ארון קודש, — די אנדערע שטאדט פון רב יוזיפיל דעם רב.

רב שמשון חאטש ער איז געוועזען שוין א יוד אין די יאהרען, כמעט קאן מען זאגען א זקן, פון דעסטוועגען האט ער אפנים גאר ניט אין זינען געהאט אפילו שטארבען. א מענש, וויפיעל ער זאל ניט אלט זיין, מיינט ער ער וועט נאך לעבען און לעבען. ער פערגעסט, אז דער מלאך המות שטעהט איהם אונטער די פלייצים און זאגט איהם: „פעטער, אין וועג אריין!...“ אודאי וואלט געוועזען שענער, ווען רב שמשון לאזט איבער א צואה, ווי עס נעהר צו זיין, שרייבט אן אויף פאפיר: „די שטאדט וואס איך האב אין בית המדרש זאל געהערען צו מיין זוהן מאיר... די משניות'ן מיט די חק לישראל, מיט די מחזורים מיט די נייע חומשים מיט'ן סלאוויטער ש"ס מיט די אלע איבעריגע ספרים זאלען געהערען צו מיין זוהן שניאר... די עטרה פונ'ם טלית זאל מען איבערשמעלצען אויף זילבער און אוועקשענקען דאס אין בית־המדרש אריין אויף א חנוכה־לעמפיל אדער אויף עץ החיים'ס... די שבת'דיגע קאפאטע זאל מען פערקויפען אין דאס געלד זאל מען צעטהיילען פאר דער מטה, וכדומה א מענש א בר־דעת בעווארענט זיך פאר'ן טוידט... מעגליך אז רב שמשון האט טאקי אזוי געטהון, עס קאן זיין ער האט טאקי געשריבען א צואה, נאר וואו ער האט זי אהינגעטהון, אט דאס האט קיין בן־אדם נישט געקאנט וויסען. מע האט איבערגעקעהרט די שטוב, איבערגעבלעטערט אלע ספרים — ניטא קיין צואה!

---

ה.

דעם ערשטען שבת וואס נאך שלשים איז ארויסגעשפרונגען דאס ערשטע מחלוקת צווישען די ברידער. מאיר האט גע'טענה'ט, אז על פי דין קומט איהם דעם טאטענס שטאדט, ווארום ער איז עלטער, און שניאר האט גע'טענה'ט צוויי טענות מיט אמאל: ערשטענס ווייסט מען ניט ווער פון זיי איז דער עלטערער, ווארום ווערדליג די מאמע דערצעהלט, אז מע האט זיי קינדווייז פערביטען, קאן דאך געמאלט זיין, אז ער איז גאר מאיר און מאיר איז שניאר. והשנית, האט מאיר א שוועהר א נגיד, וואס האט אויך איין אייגענע שטאדט אין מזרח וואנד און קיין זוהן האט ער ניט, וועט דעם שוועהרס שטאדט איבער הונדערט און צוואנציג יאהר (וויפיעל לעבט א מענש?) במילא אריבערגעהן צו מאיר'ן, וועט אויסקומען, אז מאיר האט צוויי שטעדט אין מזרח־וואנד און ער, שניאה, אפילו א האלבע ניט, פאר וואס קומט דאס איהם? וואו איז יושר? וואו איז מענשליכקייט? האט זיך אריינגעמישט מאיר'ס שוועהר מיט א נייער טענה:

— אכיסיל איין עזות! איך בין נאך נישט אלט קיין פערציג יאהר אפילו, איך האב נאך בדעה צו לעבען מעהר ווי נאך אמאל אזוי פיעל, צום סוף טהיילט מען זיך שוין מיט מיין שטאדט? א העזה פון א שייגעץ!

מענשען האבען זיך אפילו געפרובט אריינלייגען, מאכען א שטיקיל פשרה, מע זאל אבשאצען, וויפיעל איז ווערט די שטאדט, און לאז איין ברודער דעם אנדערען ארויסצאהלען די העלפט. דאכט זיך א גלייכע פשרה? איז דער חסרון וואס ביידע ברידער האבען נישט געוואלט הערען פון ארויסצאהלען; ס'איז ווי נישט נעגאנגען אינ'ם געלד, געלד איז בלאטע, (חאטש זיי זענען ביידע געוועזען נישט קיין גרויסע נגידים און נישט קיין קליינע קבצנים), ס'איז ווי געגאנגען אינ'ם־צו להכעיס פאר וואס זאל א ברודער

פֿון דעם קלאפּ, וואָס שפּאַניען האָט געקראגען, איז זי אַזוי נידריג געפֿאַלען, אַז זי וועט שוין מעהר ניט אויפֿשטעהן. דער יונגער קעניג וועט שפּאַניען שוין מעהר ניט קענען אויפֿריכטען.

די גרויסע ליבעראַלע פּאַרטיי אין ענגלאַנד, וועלכע איז פֿיעל יאָהרען נאָך אַנאַנד געפֿיהרט געוואָרען פֿון דעם אַלטען מיניסטער גלאַדסטאָן, ווערט וואָס ווייטער אַלץ מעהר צושפּאַלטען. די גרויסע אידעען פֿון פֿרייהייט און גערעכטיגקייט, וועלכע האָבען געהערשט אין גלאַדסטאָנ׳ס פּאָליטיק, זענען צו הויך פֿאַר דעם איצטיגען דור, וועלכער חלומ׳ט פֿון אַ גרויסען ענגלאַנד מיט אַ גרויסען חיל און פֿון אַ הערשאַפֿט מיט אַ קרעפֿטיגער האַנד איבער דער גאַנצער וועלט. לאָרד ראָזבערי, וואָס איז אַ מאָל געגאַנגען מיט גלאַדסטאָנען צוזאַמען, שאַפֿט איצט אַ נייע פּאַרטיי — די ליבעראַלע ליגא (די ליבעראַלע פֿעראייניגונג), וועלכע נעמט איבער אַ מיטעלמעסיגעם פּראָגראַם, וואָס איז צוזאַמענגעמישט אויס ברעקליך פֿון דעם פֿריהערדיגען ליבעראַליזם מיט גרויסע טהיילען פֿון דעם קאָנסערוואַטיווען פּראָגראַם.

די נייע פּאַרטיי לעגט אַ גרויסען ווערט אויף די פּאָליטיק. די ענגלישע פּאָליטיק דאַרף זיין אַ פֿעסטע און אַ קרעפֿטיגע. דער שלום קען געשטיצט ווערען נור מיט דער הילף פֿון אַ שטאַרקען חיל. דער ענגלישער חיל דאַרף אין גאַנצען אומגעוואַנדעלט ווערען. ענגלאַנד דאַרף אנווענדען אַלע איהרע כחות, זי זאָל בלייבען די הערשערין אויפֿ׳ן ים. זי מוז אויך זעהן ניט אַרויסצולאָזען פֿון איהרע הענד דעם וועלטהאַנדעל, וועלכען זי האָט ביז איצט געפֿיהרט. וואָס אנבעלאַנגט די אירלענדער, דאַרף מען זיי קיין אייגענעם פּאַרלאַמענט ניט געבען (ווי דאָס האָט פֿערלאַנגט גלאַדסטאָן אין נאָמען פֿון גערעכטיגקייט). אירלאַנד דאַרף שטאַרקער צוזאַמענגעקניפּט ווערען מיט ענגלאַנד. אָבער דער שלום אין אירלאַנד דאַרף געזיכערט ווערען ניט דורך רדיפות און שטרענגקייט, נאָר דורך דאָס פֿערבעסערען די תנאים פֿון לעבען אין אירלאַנד. בנוגע אפֿריקא איז ראָזבערי פֿאַר דעם שלום מיט די בורען, אָבער ער איז געגען די זעלבסטשטענדיגקייט פֿון די אַפֿריקאַנישע רעפּובליקען.

עס איז אָהן אַ שום ספק, אַז ראָזבערי וועט צו זיין פּראָגראַם צוציהען דער גרעסטען טהייל פֿון די ענגלישע ליבעראַלען. עס איז אויך ווייטער קלאָר, אַז דער אונטערשיעד צווישען די ליבעראַלען נאָך ראָזבערי׳ס פּראָגראַם און די קאָנסערוואַטיווען ווערט איצט קליין, כמעט אויף גאָר ניט צו דערקענען; נאָר אין ענגלאַנד איז דאָס פּאַרטיי־לעבען בכלל ניט אַזוי שטאַרק, ווי אין אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. די ענגלישע פּאָליטיקער זענען פּראַקטישע מענשען, זיי האָבען ניט ליעב זיך צו פֿערקוקען אויף ווייט; זיי רעכענען זיך תמיד מיט זייער צייט, און דאָס פּראַקטישע לעבען ווייזט אָפֿטמאָל פֿיעל בעסער, ווי מען קען גובר זיין פֿערשידענע שוועריקייטען, וועלכע קומען אויס אין געדאַנקען גאַנ׳ץ אַנדערש.

איבער די פֿערהאַנדלונגען וועגען שלום צווישען ענגלאַנד און טראַנסוואַל האָט מען נאָך ניט עד היום קיין שום זיכערע ידיעות. אין דער שטאַדט פֿעראייניגונג אין אפֿריקא זענען איצט צוזאַמענגעקומען אַלע פֿיהרער פֿון טראַנסוואַל און אראַניען צו בעקלער׳ען די פֿראַגע וועגען שלום. צו קיין פֿעסטען בעשלוס איז מען דערווייל נאָך ניט געקומען.

דער פֿראַנצויזישער פּרעזידענט לובע איז אָנגעקומען מיט׳ן פֿראַנצויזישען פֿלאָט קיין קראָנשטאַדט, וואו עס האָט אויפֿגעוואַרט אויף איהם דער רוסישער קייזער. דער פּרעזידענט וועט פֿערברענגען אין רוסלאַנד 4 טאָג. עס איז איצט דאָס צווייטע מאָל, ווען רוסלאַנד נעמט אויף

---

ניט צולאָזען דעם אַנדערען ברודער? און ביידע ברידער האָבען גענומען קלוגען זיך, איבערחיטריוועון איינס דאָס אַנדערע און טהון איינער דעם אַנדערען צום טורדט (אַ קליינינקייט נצחון!).

דעם ערשטען שבת האָט זיך מאיר אוועקגעזעצט אויף דער שטאָדט אין שניאָר איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אויף די פֿיס. דעם אַנדערען שבת האָט זיך שניאָר געפֿעדערט גאַנץ פֿריה, האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער שטאָדט, איבערגעדעקט מיט׳ן טַלית איבער׳ן קאָפּ און טהו מיר עפּיס. האָט זיך מְיַשֵׁב געווען מאיר דעם דריטען שבת און האָט זיך געפֿעדערט נאָך פֿריהער, האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער שטאָדט, איבערגעדעקט מיט׳ן טלית און רופֿ מיך קנאַקניסעל. איז זיך מישב שניאָר דעם פֿערטען שבת און פֿעדערט זיך אַזוי פֿריה, אַז דער שַׁמָש האָט נאָר וואָס געעפֿענט די שול, אוועקגעזעצט זיך אויף דער שטאָדט, איבערגעדעקט מיט׳ן טלית — און געה לאָד מיך צום וּנְתַנֶה תּוֹקֶף — אַזוי לאַנג אַזוי ברייט האָבען זיי זיך געפֿעדערט, ביז זיי זענען ביידע געקומען בשעת די שול איז נאָך געווען צוגעשלאָסען. אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט, ס׳איז אַרויסגעשפּרונגען צווישען די ברידער אַ מאוס׳ער סקאַנדאַל: פֿייגען, פּעטש, געפֿליקטע בערד, עדות, פּראָשעניעס, מיראָוואָי...

דאָ האָבען זיך שוין יודען אַריינגעלייגט, — ווי קאָן מען דערלאָזען אַזאַ חִלוּל־הַשֵׁם, באַלד עפּיס צום מיראָוואָי? — און ס׳איז געבליבען איידער לאָדען זיך ביים מיראָוואָי, זאָל מען זיך שוין בעסער פֿערלאָזען אויפֿ׳ן רַב, ווי אַזוי רַב יוזיפּיל דער רב וועט אָבפּסקענען, אַזוי זאָל דאָס זיין.

---

ה.

טאַקי דעם זעלבינגען שבת צו נאַכטס, איז מען זיך צענויפֿגעקומען ביי רב יוזיפּיל דעם רב אין שטוב. ביי רב יוזיפּיל דעם רב איז ברוך־השם אַ שטוב איין אָפֿענע, אָנקלינגען בעדאַרף מען ניט — נישטאָ קיין גלעקליך, און קיין „דאָקלאַדען״ אודאי ניט, ווער עס וויל און האָט צייט, דער קומט צוגעהן און ווער עס וויל רעדען — דער רעדט. עס איז זיך צענויפֿגעקומען קיין עַיִן־הָרַע איין עולם פֿון עטליכע מְנְיָנִים, איטליכער איז ניינעהריג געווען צו הערען, ווי אַזוי וועט דאָ דער רב אָבפּסקענען, אַז זיי זענען פֿאַרט צוויי ברידער, און דער טאַטע האָט זיי פֿאָרט מעהר ניט געלאָזט ווי איין שטאָדט? רב יוזיפּיל האָט געלאָזט די צְדָדִים, זיי זאָלען זיך פֿריהער גוט אויסטענה׳ען. רב יוזיפּיל נעהמט מיט דעם גאַנג, אַז פֿאַר׳ן משפּט בעדאַרף מען יענעם לאָזען טענה׳ען וויפֿיעל ער וויל, מחמת נאָכ׳ן משפּט איז דאָך פֿערפֿאַלען. און אַז ביידע צדדים האָבען זיך גוט אָנגעטענה׳ט, אַזוי אַז ס׳איז זיי אַליין נמאס געוואָרען טענה׳ענדיג, האָט זיך דערמאָלט רב יוזיפּיל אָנגערופֿען צו זיי בְּזֶה־הַלָשׁוֹן, שטילע איינצינע ווערטער, בִּנְעִימוּת, ווי זיין שטייגער איז:

— שִׁמְעוּ נָא רַבּוֹתַים, הערט זשע צו, יודען, די מעשה דערפֿון איז אַזוי. ווענדלינג איך האָב אויסגעהערט דאָ אייערע ביידענס טענות, זענט איהר נעביך ביידע זעהר גערעכט, איהר האָט נעביך ביידע געהאַט איין טאַטען — און אַ שענעם טאַטען, לאָז ער האָבען אַ ליכטיגען גַן־עֵדֶן; דער חסרוֹן איז נור וואָס ער האָט אייך נעביך ביידען איבערגעלאָזט סך־הכּל איין שטאָדט. אודאי איז ביי אייך ביידען טהייער דעם טאַטענס שטאַדט, פֿאָרט איין אייגענע שטאַדט אין מִזְרָח וואַנד אינ׳ם אַלטען, אַלטען כתריליווקער בית־המדרש, מיט דער האַנד אוועקמאַכען קאָן מען דאָס נישט. נאָר וואָס דען? כְּשֵׁם ווי ס׳איז אוממעגליך אַז איין מענש זאָל קענען פֿערנעמען צוויי שטעדט, אַזוי איז אוממעגליך אַז צוויי מענשען זאָלען זיך בעניגענען מיט איין שטאַדט. אַדרבּה מיר דאַכט זיך, אַז ס׳איז אַסך גרינגער אַז איין מענש זאָל פֿערנעמען צוויי שטעדט איידער אויף איין שטאָדט זאָלען זיצען צוויי מענשען, ווארום אַז איין מענש זאָל למשל האָבען צוויי שטעדט, וועט ער זיך אַני־דער אַמאָל אויף ד ע ר שטאַדט און אַמאָל אויף י ע נ ע ר; אָבער אַז צוויי מענשען זאָלען זיך פּרובען אין איין צייט זיצען אויף דעם זעלבינגען אָרט —

ביי זיך דעם פּרעזידענט פֿון פֿראנקרייך. איצט אָבער איז די התלהבות אין דער פֿריינדשאַפֿט צווישען רוסלאַנד און פֿראַנקרייך אַ סך שוואַכער, חאָטש דער צוזאַמענבונד צווישען די ביידע מלוכות איז געבליבען גלייך שטאַרק ווי פֿריהער.

י. ל.

---

## בריעף אוים וויען.

### א.

ווען מען נעמט אַ וויענער יודישע צייטונג אין דער האַנד, פֿאַלט גלייך אויף די פֿיעל בעריכטען פֿון די פֿערשידענע חברות. יודישע חברות זענען פֿאַרהאַן אין וויען זעהר פֿיעל, אין עס געהט ניט אַוועק קיין נומער פֿון אַ וויענער יודישער צייטונג, וועלכע זאָל זיך ניט אָבגעבען מיט חברות: די חברה האָט אַנ׳אַסיפה געהאַלטען, אויסגעקליבען אַ גַבָּאִי מיט אַנדערע "יוֹצֵר מְשָׁרְתִים", און דער גבאי האָט געהאַלטען אַ גאַנצע דְרָשָׁה, וואו ער האָט מַבְטִיחַ געוועזען, דאָס זיינע אַלע כחות וועט ער מַקְדִיש זיין דער חברה, וועלכע איז זעהר נויטהיג פֿאַר יודען און פֿאַר די גאַנצע וועלט; אַ צווייטע, אַ דריטע, פֿיערטע און צעהנטע חברה, וועלכע שטעלען זיך דיזעלבע גרויסע צוועקען ווי די ערשטע, נעמליך: „גוט מאָרגען זאָגען", „קאַפֿע טרינקען", „קאָרטען שפּיעלען", „ראַד פֿאָהרען", „לאָטעריען צו קויפֿען",— די אַלע חברות האָבען אויך זייערע אַווענדען אָבגעהאַלטען, — און זיי אַלע דאַרף מען וויעדער דערמאַנען אין אַ יודישער צייטונג. אַזוי קומט עס, דאָס דער פֿרעמדער לעזער קען מיינען, אַז די וויענער יודישע צייטונגען זענען פֿעראיינס־צייטונגען. און אין אמתין איז עס אַזוי. אַ וויענער צייטונג, ווען זי וויל זיין יודיש, מוז זי זיין אַ פֿעראיינס־צייטונג, דען דאָס גאַנצע וויענער יודישע לעבען בעשטעהט נור אין די חברות. וואָס עס זענען געווען פֿאַר צייטען די בתי־מדרש ביי׳ם אַלטען יודען, דאָס זענען היינט ביי׳ם איצטיגען יודען די חברות מיט די אַווענדען. ווי געזאָגט, זענען כמעט אַלע חברות זעלבסט דער צוועק. זיי זענען געגרינדעט אָהן כַּוָנוֹת לְשֵׁם מִצְוֹת גְדוֹלוֹת. אָבער די פֿערשידענע חברות פֿעראייניגען אין זיך דאָס גאַנצע געזעלשאַפֿטליכע לעבען פֿון וויענער יודען, און דעריבער מוז זיך מיט זיי אָבגעבען יעדע וויענער צייטונג, וועלכע וויל נור זיין יודיש. און ווען דעם גאַנצען ווינטער נעהמען די חברה׳שע בעריכטען ניט קיין קליינעם פּלאַץ איין אין די וויענער יודישע צייטונגען, דאַן פֿאַר פסח צייט ביז אַ שטיק אין מאי אַריין זענען זיי אין די צייטונגען די איינציגע מושלים, אַזוי אַז פֿיעל צייטונגען זענען פֿון דער ערשטער זייט אָן ביז צו דער לעצטער נור אויסגעפֿילט מיט פֿעראיינס־נאַכריכטען. איצטער איז די צייט פֿון „סוֹף הזמן", און יעדע חברה מאַכט איין אבשיעדס אַווענד, וואו אין גלענצענדע דרשות ווערט געשילדערט איהר פֿערגאַנגענע אַרבייט. אויסער דעם זענען געוועהנליך אין דער צייט אויך די גענעראַל־פֿערזאַמלונגען פֿון די 3 גרעסטע וויענער יודישע חברות: דער „פּאָליטישער פֿעראיין", די „אוניאָן" און דער לְוִיתָן אונטער זיי אַלע — די חבֿרה „כל ישראל חברים", אָדער ווי זי הייסט „איזראַעליטישע אַליאַנס". אין פֿריהלינג האַלט זי אָב איהר גענעראַל פֿערזאַמלונג און האָט די וואַהלען פֿון נייע גבאים. זעלבסט פֿערשטענדליך האָט מען געמוזט איבער אַזעלכע גרויסע גענעראַל־פֿערזאַמלונגען מקדיש זיין אין די צייטונגען בעריכטען אויף גאַנצע זייטען לאַנג, און נאָך אַמאָל זעלבסטפֿערשטענדליך, אַז יעדע צייטונג האָט אַלעס פֿאָרגעשטעלט, ווי איהר פּאַסט. נאָך דער „עסטערייכי־שער וואָכענשריפֿט" פֿין הערדן בלאָך איז אַלעס גלענצענד דורכגע־

---

דאס קאָן ניט זיין. למשל אָט האַלט איך די רעכטע האַנד אָט דאָ אויף דעם סֵפֶר. לאָם איך אַשטיינער וועלען אין דער אייגענער צייט האַלטען די לינקע האַנד אויפ׳ן זעלבינען אָרט וואו איך האַלט די רעכטע האַנד — קאָן איך ניט. פֿאַר וואָס? ווייל דער אויבערשטער האָט אַזוי בעשאַפֿען די וועלט און אַ מענשענס פֿערשטאַנד קאָן דאָס מיט׳ן שֵׂכֶל ניט מַשִׂיג זיין. נישמעהר בלייבט דאָך איבער די קֻשְׁיָא. וואָס טהוט מען נעביך מיט צוויי ברידער, אַז זיי האָבען פֿאָרט געהאַט נעביך איין טאַטען, וואָס האָט זיי איבערגעלאָזט סך־הכל איין שטאָדט, איטליכען ווילט זיך, פֿאָרט איין אייגענע שטאָדט אין מזרח־וואַנט אינ׳ם אַלטען, אַלטען כתריליוקער בית־המדרש, מיט דער האַנד אַוועקמאַכען קאַן מען דאָס נישט? קומט אוים: יַחֲלוֹקוּ אַז מע זאָל זיך טיילען. ווי אַזוי זשע טיילט מען אַ שטאָדט? אַ שטאָדט איז דאָך ניט קיין... קיין... קיין עפּיל, וואָס מע צעשניידט איהם אויף דער העלפֿט און מע זאָגט: נאַ דיר אַ האַלבע שטאָדט און נאַ דיר אַ האַלבע שטאָדט. איז פֿאַראַן אבער איין עצה, אַז איהר זאָלט ביידע זיצען אין מזרח־וואַנד אַ שטאָדט נעבען אַ שטאָדט. דאָס האב איך שוין דער־קלעהרט מיט מיין איינענעם שכל. דהיינו ווי אַזוי? אזוי ווי אייער טאַטענס שטאָדט און מיין שטאָדט זענען צוויי שטעדט אַ שטאָדט נעבען אַ שטאָדט, זעצט איהר זיך, ברידערליך, אויף די ביידע שטעדט וועט איהר זיך זיצען געזונדערהייט ביידע אַ שטאָדט נעבען אַ שטאָדט און וועט זיך פֿערשפּאָרען קריגען. אי וואָס? די קשיא וואָס וועל א י ך טהון אָהן אַ שטאָדט? איז דער תֵּירוּץ: וואו שטעהט דאָס געשריבען אַז אַ רַב, אָדער גלאַט אַ יוד מוז דַוְקָא האָבען איין אייגענע שטאָדט און דוקא אין מזרח־וואַנט און דוקא אינ׳ם אַלטען בית־המדרש? קאַרג בתי־מדרשים פֿאַראַן קיין עין־הרע אין כתריליוקע? און לאָמיר זיך ניט נאַרען: וואָס איז אַ בית־המדרש? אַ מקוֹם קדוֹש. וואָס נעהען מיר אין בית־המדרש אַריין? תְּפִלָּה טהון. צו וועמען? צום אויבערשטען. וואו געפֿונט ער זיך? אומעטום, ס׳איז מְלֹא כָּל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ — פֿול די גאַנצע וועלט! היינט ווי באַלד אַזוי, היינט וואָס איז דאָ שייך מזרח, מערב, גאַנץ אויבען אָן, אָדער גאָר ביי דער טיר? אַבי אַ מקום־קדוש און אַבי געדאַוועט! מָשָׁל לְמָה הַדָּבָר דוֹמֶה — צו וואָס איז דאָס געגליכען? צו אַ מֶלֶך וואָס זיינע צוויי קנעכט זענען געקומען צו איהם אין פּאַלאַץ אַריין בעטען ביי איהם אַ טובה, פּלוצים האָבען זיך די קנעכט צעשפּערט צווישען זיך און זענען פֿאַר׳ן מלך אין די אויגען אַריינגעפֿאָהרען איינער דעם אַנדערען אין די בֵּערד אַריין און האָבען גאָר פֿערגעסען צוליעב וואָס זיי זענען געקומען און פֿאַר וועמען זיי שטעהען. האָט זיי דאָך דער מלך מסתמא גוט מכבד געווען און האָט בעפֿוילען, מע זאָל זיי מחילה ארויספֿיהרען: מִמָה־נַפְשָׁך, איהר ווילט זיך רייסען ביי די בערד, געהט אייך געזונדערהייט אין דרויסען ארוים און רייסט אייך דאָרטען, וואָס האָט איהר צו קְריכען צום קיסר אין פּאַלאַץ אַריין?!. . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

* * *

ווער ס׳איז אַ בַּעַל אויף איין איינענער שטאָדט אין מזרח־וואַנט אינ׳ם אַלטען כתריליוקער בית־המדרש, די אַנדערע שטאָדט פֿון רַב יוזיפֿיל דעם רַב, אין גלייכען געלד, זאָל ער זיך ווענדען קיין כתריליוקע צו רַב שַמְשוֹנ׳ס קינדער, צו מאיר׳ן אָדער צו שניאר׳ן, — ס׳איז אַלץ איינס: זיי האָבען זיך איבערגעבעטען און ס׳איז געוואָרען ביי זיי אַ לעבען, ווי מע זאָגט: איין זעל איין נְשָׁמָה, ווי אַמאָל, אַמאָל אין די ג ו ט ע יאָהרען.

(פֿאָרטזעטצונג קומט).

האבען אויך זייערע בעזונדערע חברות. די פאר ציוניסטען וועלען ניט פויל זיין א שפרונג צו מאכען אויך אויף זייערע אווענדען. און אזוי זעהען מיר דאס יעדער בעצירק האט זיין איינענע חברה, חאטש ציוניסטען זענען פארהאן זעהר ווענינ אין די היענער בעצירקען. א פנים חדשות אויף די וויענער ציוניסטישע פערזאמלונגען איז פון די זעלטענע זאכען, וואס מען דארף אויף דעם א ברכה מאכען. אויף אלע פערזאמלונגען אין אלע בעצירקען בעגעגענט מען דיזעלבע פנימ׳ער: דיזעלבע פאר האלבע לעהרער, האלבע שרייבערס און גאנצע קבצנים, דיזעלבע פאר יודישע סטודענטען מיט זייערע פארביגע פאסען אויף די הערצער און דיזעלבע פאר יודישע ארבייטער. אויסער די מענשען, וועלכע זענען שטענדיגע בעזוכער פון די ציוניסטישע פערזאמלונגען, זעהט מען אויף זיי קיין לעבעדיגען נפש ניט. דערצעהלענדיג ווי עס שטעהט מיט די ציוניסטען אין וויען, מיין איך ניט חס ושלום די וויענער ציוניסטען דערמיט ארונטערוואַרפען; אדרבא, מיט דעם וויל איך זיי אויפהויבען ביז אין הימעל. איך וויל ווייזען, דאס די וויענער ציוניסטען, חאטש זיי זענען אזוי ווענינ, פערשטעהן דאך אומעטום זיך צו ווייזען, אומעטום צו זיין אויפ׳ן פלאץ, אזוי אז פון ווייטען קען מען מיינען, דאס גאט ווייס וויפיעל ציוניסטען אין וויען זענען דא. זיי זענען ריהרעווידיגע מענשען און פערשטעהן זיך גוט איינצוטהיילען. דערום האבען זיי פון זייער ערשטען טריט אן אנגעהויבען צו שפיעלען א ראלע. אזעלכע מעלות מעג מען זיי מקנא זיין, און אזעלכע מעלות מעג זיך איין יעדער ציוניסט ווינשען, אבער די דאזיגע מעלות אליין ניצען דעם וויענער ציוניסט גאר ניט, דען עס פעהלט, ווי איך האב שוין פריהער גזואגט, דעם וויענער ציוניסט איין עטוואס, א קליינינקייט, וואס לאזט איהם ניט אויסניצען זיינע מעלות. און די קליינינקייט איז דאס, וואס ער ווייסט ניט און פערשטעהט ניט, וואס ער אלס ציוניסט דארף טהון, ער ווייס ניט וואס דער ציוניזם פערלאנגט פון איהם, און אויסער די דונקעלע פארשטעלונגען פון דעם „יודענשטאאט" אין צוקונפט איז צווישען איהם און אנדערע וויענער, וואס זיי זענען ניט קיין ציוניסטען גאר קיין אונטערשיעד ניטא, און דאס איז די איינציגע סיבה, וואס די וויענער ציוניסטען האבען ביז איצט פון זייערע נצחונות גאר קיין נוצען ניט געהאט. ווי זאלען זיי האבען נוצען. ווען זיי ווייסען אליין ניט, וואס זיי ווילען?

די וואהלען פון וויענער ראשי־קהל — דאס איז געוועזען די ערשטע געלעגענהייט, ווען די וויענער ציוניסטען האבען בעוויזען זייערע כחות. די גאנצע שטאדט האבען זיי אויפגערודערט, די גאנצע שטאדט האבען זיי איבערגעקעהרט, און די אלטע ראשי־קהל האבען נעביך גענוג געשוויצט און געהאט אויסצושטעהן בעת די וואהלען. מיט איין מאל האבען די אלטע ראשי קהל דערפיהלט געגען זיך איין מאכט, וועלכע וויל זיי אויסרייסען פון זייערע ערטער. די ציוניסטען האבען דא וואונדער ארויסגעוויזען, אבער וואס איז זיי ארויסגעקומען פון זייערע וואונדער? זיי האבען זייערע 2 קאנדידאטען פאר ראשי קהל אויסגעקליבען, אבער מיט וואס זענען די דאזיגע 2 קאנדידאטען בעסער פון די אנדערע ראשי קהל? שוין מעהר ווי א יאהר, דאס זיי זיצען אין דער הנהגה פון דער געמיינדע, — וואס האבען זיי אין דער גאנצער צייט ציוניסטישעס געמאכט, וואס מען זאל זאגען, דאס צוליעב דעם אליין איז כדאי געוועזען מלחמה צו האלטען? ניט נור דאס זיי האבען גאר נישט אויפגעטהון, אבער נאך מעהר דאס גאנצע יאהר האבען זיי אפילו קיין איינציגעס מאל זיך ניט געפרובט ארויסגעבען אלס ציוניסטען. נסתרים זענען זיי, ציוניסטישע למד־וואוניקעס, דאס הייסט פאר אלעס אין דער וועלט גיבען זיי זיך ארויס, נאר ניט פאר ציוניסטען. און אין דער אמת׳ן ווי זאלען זיי זיך אלס ציוניסטען ארויסגעבען, ווען זיי ווייסען ניט ווי און וואו. האט דען די פארטיי פאר די וואהלען איין ציוניסטישעס פראגראם אויפגעשטעלט, נאך וועלכע די ציוניסטישע־קאנדידאטען זאלען זיך ווייסען ווי צו־פיהרען אין דער הנהגה פון דער געמיינדע? איין פראגראם האט זי אפילו אויפגעשטעלט, אבער אויסער די חלומות און פראזען, וואס זענען ניט מעלה און מוריד, איז צווישען דעם פראגראם פון די ציוניסטען און די אנדערע פראגראמען פון די אלטע קאנדידאטען גאר קיין אונטערשיעד ניט פארהאן.

דאסזעלבע האבען מיר געזעהן ביי די אליאנס־וואהלען פאר א יאהרען און היינטיגען יאהר. ביי דער אליאנס איז שוין די מלחמה געוועזען א לייכטערע; א דעה האבען נור יענע מיטגליעדער, וועלכע קומען צו דער פערזאמלונג. די אליאנס יודען געהען ניט גערן אויף די פערזאמלונגען אויסער יענע, וועלכע האפען אמאל געוועהלט צו ווערען, קומט קיין לעבעדינער נפש ניט ביי אזא א חברה, דערמיט איז שוין דער נצחון זעהר לייכט. מען צאהלט איין פאר 50 ציוניסטען מיטגלידער־געלד, און מען איז שוין געזיכערט, מיט איין מעהרהייט, דען די ציוניסטען וועלען דאך זיכער צו די פערזאמלונגען קומען, און דאך זענען די ציוניסטען ניט פאר א יאהרען און ניט היינטיען יאהר אויסגעקליבען געווארען אין קאמיטעט פון אליאנס. פאר א יאהרען, ווען די ציוניסטען האבען שוין געהאלטען ביים נצחון, האבען זיי זיך פלוצים דערשראקען, זיך צוריקגעצויגען און זיך בעגוגענט מיט א פשרה פון אליאנס, און היינטינען יאהר האבען זיי אפילו ניט געוואלט דעם שיין געבען, דאס זיי ווילען מנצח זיין; און חאטש דער פרעזידענט פון אליאנס, האט זיי מעהרערע מאל געזאגט: „ברידער, מיר וועלען אייך גערן אונזער פלאטץ רוימען", האבען זיך די ציוניסטען געמאכט ניט הערענדיג און ניט געוואלט אפילו פראבירען פערנעהמען דעם פלאטץ. די סיבה דערפון איז דאס, וואס איך האב פריהער געזאגט. די וויענער ציוניסטען ווייסען נעביך אליין ניט וואס זיי ווילען. דען מיט מליצות אליין — זיי קענען זיין די שענסטע אין דער וועלט — קען מען אין לעבען ניט אויסקומען. דא דארף מען שוין עפיס טהון און וואס אנבעלאנגט הלכות טהון זענען די ציוניסטען גלייך מיט די אלטע אליאנס־יודען. די אפאטען זענען גוט געוועזען אנגעשטעלט און מיט געוואלד געשרייען האבען די ציוניסטען דער גאנצער וועלט אנגעזאגט פון דער מלחמה, וואס זיי ווילען פיהרען מיט דער אליאנס, אבער די מלחמה איז ביי זיי געוועזען זעלבסט צוועק, ניט א מיטעל כדי צו דערגרייכען א צוועק, און דעריבער האבען זיי זיך פערגעסען און האבען דער אליאנס אזעלכע שלעג געגעבען, וואס מיט דעם האבען זיי זיך אליין נאך מעהר געשלאגען. זייער רייטפערד איז געוועזען די פראגע פון די רומענישע יודען, אבער גוט געריטען האבען זיי ניט. דאס האבען די וויענער ציוניסטען אליין איינגעזעהן. אלס ציוניסטען דארפען זיי ווייסען, אז איצט זענען מיר יודען אויף צרות, דאס אונזערע גאולות זענען נור אלץ אויף שפעטער, און דאס דערווייל קענען מיר נור עפיס לינדערן אונזערע שמערצען, און איבערהויפט שטארקען אונז פון אינווענדיג, כדי מיר זאלען האבען כח אריבערצוטראגען אונזערע צרות, וואס מיר ליידען אלס יודען און אלס מענשען.

איין גאנצע הילף דערוויל איז פאר אונז איצט ניט פארהאן. וואס מיר זאלען ניט מאכען און וואוהין מיר וועלען זיך ניט ווענדען, אומעטום וועלען מיר פאר אונז די טיהר געפינען פערשפארט און אין ערגיץ וועלען מיר קיין ישועה ניט געפונען. דאס איז דער הויפטגעדאנקען פון ציוניזם, און דעריבער האבען די וויענער ציוניסטען ניט געטארט זיך חאפען אן די פראגע פון די ארויסגעטריבענע רומענישע יודען, וועלכע פערלאנגען די באלדיגע הילף און וועלכע זענען אין אזא גרויסען אומגליק, וואס אפילו כדי אביסיל צו פערגרינגערן זייער לאגע דארף מען האבען זעהר פיעל געלד. אין דעם מאמענט, וואס די וויענער ציוניסטען האבען אוועקגעשטעלט זייער מלחמה אויף די פראגע פון די ארויסגעטריבענע רומענישע יודען, האבען זיי זיך אליין פעראורטהיילט צו איין מפלה, דען עפיס וויכטיגעס אויפצוטהון אין דער טרויריגער לאגע איז אונמעגליך, אפילו ביים בעסטען ווילען. די אליאנס־לייט מיט זייער גוטער נאז האבען עס באלד דערשמעקט, און זיי האבען זיך געפרעהט אויף דעם פעהלער פון די וויענער ציוניסטען, וועלכע האלטען זיך אלע פאר גרויסע פאליטיקער. זיי האבען זיך געפרעהט, ווייל זיי אליין זענען שוין אויך מיעד געווארען פון דער רומענישער פראגע. די גאנצע צייט האבען זיי געארבייט איבער זייערע כחות, זעלבסט פערשטענדליך, דאס די ארבייט איז געוועזען נאך דעם אלטען דרך פון אליאנס — זיי האבען צונויפגעקליבען אג׳ערך פון דריימאל הונדערט טויזענד קראנען, אבער זייער ארבייט האט גאר ניט געהאלפען. דאס געלד, וואס זיי האבען צוזאמענגענומען, האט ניט געסטאיעט אפילו אויף רייזע הוצאות, און דא איז קיין סוף גיט פון ארויסגעטריבענע רומענישע יודען, יעדע וואך קומען צו נייע יודען מיט אלטע צרות. די אליאנס־לייט האבען גאט געדאנקט, וואס ער האט זיך אויף זיי דערבארימט און זיי צוגעשיקט נאר אנים, וועלכע ווילען אראבנעהמען פון זיי די שווערע משא. זיי האבען שוין געוואלט וואשען די הענד און מאכען א גרויסען און א ברייטען „ברוך שפטרני“, אבער די ציוניסטען האבען זיך גלייך געחאפט און איבערגעדרעהט די האלאכלעס. און ווען פאר א יאהרען זענען די וויענער ציוניסטען געוועזען נאהענט פון נצחון — נאך איין האהר וואלטען זיי אריינגעשפרונגען אין קאמיטעט פון אליאנס, האבען זיך היינטיגען יאהר די ציוניסטען פון דער ווייטען געהאלטען, כדי זי, זאלען ניט חס־ושלום פון גרויס היץ טאקי ניט אריינשפרינגען אין קאמיטעט פון אליאנס. און ערשט דא האט זיך אנגעהויבען די רעכטע אינטערעסאנטע מלחמה צווישען די אליאנס־לייט און די ציוניסטען. די אליאנס־לייט האבען בענוצט יעדע געלעגענהייט, וועלכע האט געפאסט אדער ניט געפאסט און גערייצט די ציוניסטען: „ווען איהר גלויבט, דאס איהר וועט בעסער מאכען, קענט איהר קומען, מיר וועלען אייך מיט פערגניגען אבטרעטען אונזער פלאץ“. דאס איז געוועזען די שטענדיגע תשובה, וואס די אליאנס־לייט האבען געגעבען אויף די פראגען פון די ציוניסטען, אבער די ציוניסטען האבען זיך געמאכט ניט הערענדיג און ביי דער אבשטימונג האבען זיי גאנץ גערן אויסגעדריקט זייער צוטרוי צו די אליאנס־לייט. זיי האבען איינגעזעהן, דאס מיט דרשות אליין קען מען נאך ווענינער העלפען ווי מיט נדבות.

די גענעראל פערזאמלונג פון די אליאנס איז שוין פאריבער, און די אנטיציוניסטישע צייטונגען האבען זיך געאיילט מודיע צו זיין דער וועלט פון דער גרויסער מפלה, וואס די ציוניסטען האבען געהאט, אבער דאס איז א גרויסער ליגען. די ציוניסטען האבען מנצח געוועזען, ווייל זיי האבען דערגרייכט, וואס זיי האבען געוואלט. זיי האבען געוואלט, דאס די אליאנס־לייט זאלען בלייבען אין קאמיטעט פון אליאנס און דאס האבען זיי אויסגעפיהרט. די ציוניסטען האבען מנצח געוועזען, און האפענטליך וועט זיין פאר זיי דער נצחון א גוטע לעהרע פאר די קומענדיגע צייט.

י. א. לובעצקי.

---

## די צווייטע אסיפה פון עסטרייכישע ציוניסטען.

דער ציוניזם אין עסטרייך איז נישט גאנץ יונג. ער איז ענטשטאנען נישט פיעל שפעטער פון דער ציוניסטישער בעוועגונג אין רוסלאנד און ער האט שוין אפט געביטען זיינע פארמען, דורכגעמאכט פערשידענע העכערע און טיעפערע מדרגות פון ארגאניזאציאן און ארבייט. יאהרען לאנג פאר דעם ערשטען קאנגרעס איז בעשטאנען אין וויען א „פערבאנד פון עסטרייכישע ציוניסטישע חברות“, וועלכער האט שטענדיג געזוכט צו שאפען אין וויען א צענטר פאר ציוניסטישע ארבייט, שטענדיג איבערגעמאכט זיינע תקנות און געזוכט מיטלען די ציוניסטען אין עסטרייך צו פעראייניגען און זיי צו געבען א שטארקע לעבענספעהיגע ארגאניזאציאן און א איינהייטליכעס פראגראם. אין אמת׳ן אבער האבען צו דעם „פערבאנד ציון“ געהערט נור דער איינציגער פעראיין „ציון“ אין וויען און איין איינציגע חברה „ציון“ אין א קליין שטעדטיל (האראזדאוויטץ) אין בעהמען. די איבריגע חברות, אויס וועלכע דער פערבאנד האט זיך לויט זיינע תקנות צוזאמענגעזעצט, זענען געוועזן אין גאליציען; אין די איבריגע לענדער און שטעדט פון עסטרייך זענען קיין שום חברות נישט געוועזן. אבער די גאליצישע חברות האבען זיך ווענינ אנגעהערט מיט דעם „פערבאנד“, יעדע חברה האט זיך געטהון איהרס, אזוי באלד די לעמבערגער חברה „ציון“ האט זיך נישט אריינגעמישט, יעדע איז זיך געגאנגען איהר וועג און דער עסטרייכישער „פערבאנד“ האט עקזיסטירט נור אויפ׳ן פאפיר.

די קאנגרעסען האבען געשאפען א פראגראם פאר די ציוניסטישע בעוועגונג. אבער נאך לאנג, ביז נאכ׳ן 4־טען קאנגרעס האט מען נישט געקענט רעדען פון א עסטרייכישער ארגאניזאציאן, חאטש די צאהל פון עסטרייכישע חברות, וועלכע זענען געגרינדעט געווארען לויט די תקנות פון וויענער „פערבאנד ציון“, האבען זיך שטארק פערמעהרט אויך אין אלע איבריגע עסטרייכישע לענדער. די ארגאניזאציאן איז ערשט בעשאפען געווארען אויף דעם „ערשטען עסטרייכישען ציוניסטענטאג“ אין אלמיטץ מיט א יאהר צוריק. דער וויענער „פערבאנד“ האט זיך דעם 24 און 25 מערץ 1901 ארגאניזירט אין אלמיץ אלס „עסטרייכישעס לאנדעס־קאמיטע“, וועלכעס האט דעם 1 מאי געענדיגט זיין ארבייטס־יאהר און צוזאמענגערופען די צווייטע אסיפה פון עסטרייכישע ציוניסטען אין ביעליטץ.

---

די אסיפה איז געוועזן דעם 18 און 19 מאי אין ב י ע ל י ט ץ. 109 דעלעגאטען זענען געקומען אויס 30 שטעדט, צווישען זיי 40 דעלעגאטען פון גאליציען. אויך פיעל געסט זענען געוועזען אויף דער גאלעריע, פון ביעליטץ־ביאלא און פון אנדערע שטעדט.

זונטאג פריה, 9 אזייגער האט ד״ר וואהרהאפטיג (ביעליטץ) אלס פרעזעס פון פארבערייטענדען קאמיטעט געעפענט די אסיפה. ד״ר ק ר ע נ ב ע ר נ ע ר (וויען) אלס פרעזעס פון לאנדעס־קאמיטעט האט פארגעלעגט דעם בעריכט פון דער איינ־יעהריגער טהעטיגקייט:

וויפיעל זיטצונגען דער קאמיטעט האט אין דעם יאהר אבגעהאלטען, וויפיעל בריעף זענען אנגעקומען און אוועקגעשיקט געווארען אד"ג. צו דער ארגאניזאציאן געהערען — לויט דעם בעריכט — אין בעהמען 9, אין דער בוקאווינא 14, אין מעהרען און שלעזיען 20, אין נידער־עסטרייך 25, אין די אלפען־לענדער 2 חברות. וויפיעל חברות ס'זענען אין גאליציען קען דער בעריכט נישט אנגעבען, ווייל דער גאליצישער דיסטריקט־קאמיטעט, וועלכער איז אין אלמיטץ אויסגעקליבען געווארען, האט נישט געקאנט זיין ארגאניזאציאן ווי עס בעדארף זיין דורכפיהרען. וועגען גאליציען דערצעהלט דער בעריכט, אין נאמען פון ד"ר אברהם קארקיס: „די צוזאמענזעטצונג פון דיסטריקט־קאמיטעט איז געווען אזעלכע, אז ער האט גאר נישט געקאנט אויפטהון. די ארגאניזאציאן אין גאליציען קען, אונטער די איצטיגע אומשטענדען, נישט דורכגעפיהרט ווערען, זי מוז צוערשט אויפגעבויט ווערען אויף אנדערע יסודות".

דער בעריכט האט ארויסגערופען א ויכוח, וועלכער האט זיך פיעל בעשעפטיגט מיט גאליציען. דאס איז געוועזען דער אנהויב פון פיעל שפעטערע ויכוחים, וועלכע האבען דער אסיפה כמעט גענעבען א כאראקטער פון צוויי אבגעזונדערטע פארטייען: א גאליצישע און א מערב־עסטרייכישע פארטיי. די לעצטע האבען זיך בענוצט מיט יעדער געלעגענהייט אנצופאלען אויף גאליציען, וועלכעס טהוט ווענינ, כרענגט דער ארגאניזאציאן ווענינ געלד און פערלאנגט מעהר ווי אלע הילף און געלד־מיטעל פון איהר. די גאליצישע דעלעגירטע האבען ענערגיש פראטעסטירט געגען דעם פארוואורף, אז זיי טהוען באמת גאר נישט. זיי זענען נור אויפריכטיג און בעריהמען זיך נישט אז זיי האבען פיעל געטהון, זיי טהוען וויפיעל זיי קענען, מאנכעס מאל אריבער די כחות. אין די מערב־לענדער איז די בעוועגונג ניי; יעדע אסיפה איז א נצחון, יעדער ציוניסטישער אווענד א יום־טוב און די ציוניסטישע בלעטער זענען פול פון זיי. אין גאליציען זענען בערך נישט ווענינער אסיפות געוועזען, פאר די פערברייטונג פון יודישען גייסט איז אויך אין פערגאנגענעם יאהר נישט ווענינ אויפגעטהון געווארען. דאס ארויסגעבען פון א אייגענעם ציוניסטישען ארגאן אין פוילישער. שפראך („Wschód") קאסט אב די גרעסטע קרבנות און די שווערסטע אנשטרענגונגען.

איין טענה איז געווען געגען דעם רעכענשאפטס־בעריכט: פאר וואס ס'איז נאך נישט אויסגעפיהרט געווארען דער בעשלוס פון „ערשטען ציוניסטען־טאג אין אלמיטץ", עפּיס צו טהון פאר די פועלים אין ארץ־ישראל. דערויף האט דער סעקרעטער פון אקציאנס־קאמיטעט, ה' א. ה. רייך געענטפערט, אז די קאלאניסטען זעלבסט האבען פערלאנגט פון אקציאנס־קאמיטעט, עס זאל גאר נישט געטהון ווערען, כדי עס זאל זיי נישט שאדען צו די בעשטרעבונגען פון דער דעלעגאציע, וועלכע זיי האבען אין פארינען יאהר געשיקט קיין פאריז.

נאכדעם ווי ד"ר קרענבערגער האט נאך פערענפערט איינצעלנע פרטים פון בעריכט און אויפגעוויזען, ווי שווער ס'איז אין עסטרייך איינצופיהרען א נייע ארגאניזאציאן, איז דער בעריכט איינשטימיג אנגענומען געווארען.

דער צווייטער פונקט פון דער טאגעסארדנונג איז געווען דאס רעפעראט פון ד"ר צוויינ (וויען) איבער די אלגעמיינע ארגאניזאציאן פון דער ציוניסטישער פארטיי אין עסטרייך. נור איינצעלנע פונקטען פון דעם דאזיגען רעפעראט האבען ארויסגערופען ויכוחים, אבער די ויכוחים האבען נישט אנגערירט קיין שום וויכטיגען יסוד פון די ארגאניזאציאנס־תקנות, וועלכע זענען אנגענומען געווארען איינשטימיג אחוץ די פונקטען וועגען דער דיסטריקט־איינטהיילונג, איבער וועלכע ס'איז ערשט אבגעשטימט געווארען שפעטער. א גרויסע טובה פאר'ן גאנג פון דער אסיפה איז געווען, וואס אלע רעפעראטען זענען פריהער געווען אבגעדרוקט אין זייערע הויפטפונקטען. אפילו די דעלעגאטען וועלכע האבען פריהער אין דער היים זיך נישט בעראטהען מיט זייערע חברים איבער איינצעלנע פראגען, האבען פאר זיך געהאט געדרוקט אלע פרטים, איבער וועלכע די אסיפה האט צו בעראטהען, און דעריבער האט מען ערשפארט פיעל צייט און נישט ארויסגערופען קיין איבעריגע, אוננויטהיגע ויכוחים. מען האט זיך, למשל, ביים צווייטען פונקט פון די תקנות אנגעהויבען אריינלאזען אין א לאנגען בריטען שמועס וועגען איין איינציג ווארט, אז יעדער „אונבעשאלטענער" יוד קען געהערען צו דער פארטיי. מען האט אנגעהויבען טייטשען דאס ווארט און ס'איז כמעט געווארען אזא ערנסטער ויכוח ווי אמאל אויפ'ן קאנגרעס ביי דעם פירוש פון „רעכטליך" און „עפענטליך־רעכטליך". נאר א דאנק דעם גוטען רצון פון די דעלעגאטען, די צייט מיט ערנסטער ארבייט צו פערברענגען, האט מען באלד איינגעפיהרט עקאנאמיע אין דער צייט און מען האט איבער מאנכע פרטים פון איין רעפעראט ערשט בעראטהען ביי א צווייטען רעפעראט, כדי מען זאל נישט דארפען צוויי מאל איין פראגע בעהאנדלען.

איבער דערזעלבע סבה איז דאן פאר דעם 3־טען פונקט פון דער טאגעס־ארדנונג: „די פראקטישע ארבייטען פון דער ארגאניזאציאן" געהאלטען געווארען דאס רעפעראט איבער'ן בודושעט (הכנסות און הוצאות), ווייל די דעלעגאטען, איבערהויפט די גאליצישע, האבען איינגעזעהען אז זיי קענען נור דאן וויסען, וואס זיי זאלען אויף זיך נעהמען צו ארבייטען, ווען זיי וועלען זעהען וועלכע מיטלען זיי האבען. ווידער איז געקומען א „גאליצישע" דעבאטע. די גאליצישע דעלעגירטע האבען פערלאנגט, אז די „פארטיי־שטייער" וועלכע איז איינגעפיהרט געווארען אין אלמיטץ, זאל אין גאליציען נישט געצאהלט ווערען. די גאליצישע ציוניסטען איז זעהר שווער צו קלויבען „שקל", נאך שווערער איז א בעזונדער שטייער צו פאדערן. זיי בעטען די אסיפה, מען זאל זיי נישט נויטהען צוצואגען מעהר ווי זיי וועגען אומשטאנד מקיים צו זיין. פון שקל־געלד זאל מען פיר גאליציען בעשטימען איבערצולאזען 50%, בעת די אנדערע לענדער לאזען זיך נור 25%. ווען עס וועלען נור זיין די נויטהיגע געלדמיטלען, וועט מען אין גאליציען קענען אסך מעהר ארבייטען ווי ביז איצט.

ס'איז בעשלאסען געווארען פון די גאליצישע חברות צו פערלאנגען נור א דריטעל פון דער פארטיי־שטייער (1 קראנע יעהרליך פיר יעדעס מיטגליער), ווייל נישט אלע חברים קענען צאהלען די שטייער. וועגען די 50 % פון שקל־געלד האט מען נישט געקענט בעשליסען, ווייל דאס געהער צום קאנגרעס און דער לאנדעסקאמיטעט האט נישט דאס רעכט פיר גאליציען איין אויסנאהם צו מאכען.—

איבער די פראקטישע און נאהענטסטע ציעלען און ארבייטען זענען געווען 2 רעפעראטע: ווייסבערגער (וויען) און ד"ר נאלדוואסער (קראקוי). אנשטאט ה' ווייסבערגער האט דאס רעפעראט געלייענט ה' היקל (ברין). ער האט פארגעשלאגען א גאנצע רייהע פון פערשידענע אויפגאבען וועלכע די ארגאניזאציאן האט זיך צו שטעלען: וויסענשאפטליך פערטיעפען דעם ציוניזם און

שטודירען דאס יודענטהום הן אין געשיכטליכער הן אין עקאנאמישער בעציהונג. די ארבייטען זאלען פערטהיילט ווערען אונטער די ציוניסטישע סטודענטען. עס זאל געגרינדעט ווערען א „פאנד פיר ארבייטס־לאזע“, אויסגעבעסערט ווערען דאס סיסטעם פון די ביזהעריגע צדקה־חברות, געגריגדעט ווערען יודישע גימנאסטיק־חברות, ביבליאטהעקען, אד״ג.

בעת דאס ערשטע רעפעראט רעדט פון דעם וואס מען דארף טהון, בעשעפטיגט זיך דער צווייטער רעפערענט ד״ר גאלדוואסער מיט דער פראגע, ווער זאל טהון און ווי אזוי זאל אגיטירט ווערען? ער פערלאנגט אז דער לאנדעסקאמיטעט און די דיסטריקטען מיט זייערע חברות זאלען זיך אזוי ארגאניזירען, אז יעדער פון זיי זאל האבען זיין בעגרענצטע ארבייט. די איינצעלנע חברות שיקען זייערע בעריכטע צו דעם דיסטריקט־קאמיטעט; דער דיסטריקט־קאמיטעט צום לאנדעסקאמיטעט און דער לאנדעסקאמיטעט דער יאהר־אסיפה. ער פערלאנגט בעשעפטיגונג מיט סטאטיסטיק, ארויסגעבען פון בראשורען און ווערקע אין זשארגאן, גרינדען שולען פיר פאלקסבילדונג, יודישע געשיכטע און גימנאסטיק, גרינדען שפאר און לייה־קאסען אד״ג.—

מיט דעם אננעהמען פון די רעפעראטען איז די ארבייט פון ערשטען טאג געענדיגט.

(ענדע קומט)

מ. ב.

## יודישע שטעדט און שטעדטליך.

עס איז משוגע צו ווערען פון אונזערע קהלות!

דאכט זיך „סדנא דארעא חד הוא“, אויף פראסט יודיש: אומעטום די אייגענע וועלט, קומט א קהלה קדושה און ווארפט דיר ארויס אזא מין קונסטשטיק, אז דו בלייבסט שטעהן, עפענסט דאס מויל און נאפסט!

פון שטעדט און שטעדטליך שרייבט מען געוועהנליך וועגען יצר־הרע צו א כתי׳ל נבאות פון וואס עס איז פאר א חברה: „תקון וקוני ספרים“, וואס האבען קיינמאל קיין דרייער נישט נייע ספרים צו קויפען און זענען יוצא מיט לופטערן די אלטע אויפ׳ן שול־הויף פאר דער זון און מיט זאמלען שמות פון צוריסענע ספרים, וועלכע מען שיקט ארויס א מאל אין א יאהר אין א גרויס צוקערפאס אויפ׳ן בית עלמין...

פון א „לעזע־פעראיין“ — וואס האט נישט מעהר זיין אייגענס ווי א לאפאכינע חתימה פאר בעטעל־בריעף צו אויסגאבען און רעדאקציעס — מען זאל ארויסשיקען ספרים און צייטונגען אומזיסט...

פון א חברה יין־קדוש, „פאדראדען“ פאר פסח מצות צו באקען פאר ארימע לייט אדער צוזאמען מיט ארימע לייט וכדומה.

נהרג ווערט מען פשוט על פחות משוה פרוטה פון וואס־עס־איז א חברה׳שען כבוד, א קהל׳ישען כבוד!

קהל׳ס פערזארגער וואקסען דעריבער ווי אויף הייוען, ווי שוואמען אין וואלד נאך א רעגען...

חברות ווערען אומישנע געמאכט, עס זאל נישט פעהלען קיין כבודים פאר מכובדים — פאר נגירישע קינדער, זיידענע יונגע לייט, אויפגעקומענע עם־הארצים...

דעריבער הערט מען פון אזוי פיעל קלפיים! פון אזוי פיעל געלדער; ביי יעדער קלפי ווערט א מחלוקת לשם שמים, ווערען נעז און אויערען געריסען, סודות ענטפלעקט, קומט מען אום על קדוש־השם...

און אז עס קומט די צייט צו שרייבען „שטעדט און שטעדטליך“, בין איך גרייט איינצוטונקען די פעדער אין גאל און שרייען: נזלנים, עד מתי?!

נא־דיר!

די ערשטע ידיעה, וואס קומט מיר אין דער האנד אריין, רעדט פונקט פון א שטעדטיל, וואס איז גאר קיין שטעדטיל נישט, וואו דער יצר־הרע פון כבוד און גבאות האט גאר קיין שליטא נישט, וואו די קלפי׳ס זענען קיין קלפי׳ס נישט, די גבאים קיין גבאים נישט און די קהלישע עסקים פאהרען און פיהרען זיך אליין!

מאכט זיך א וויכטיגער צופאל — שיקט גבאי ראשון, וואס איז באמת גאר קיין גבאי ראשון נישט, זיינם א שטיקיל קרוב, א נאהענטען צי א וויטען, נור מן הסתם איין ארימען קרוב, וואס מען נוצט צו שליחות, און גיט איהם אפילו נישט איבער נישט קיין שטעקען אין האנד אריין, נישט קיין ווארטצייכען אין מויל אריין, גאר נישט! און דער טהוט כשמו — בשם הגביר הייסט עס.

דאס שטעדטיל הייסט ראדאמישל. עלף יאהר צוריק האט דארט געדארפט זיין איין אסיפה אויסצוקלויבען גבאים צו דער תלמוד תורה. איז די אסיפה נישט צו שטאנד געקומען; עס האבען זיך וועניג מענשען פערזאמעלט. אלזא, איז דאכט זיך קיין אסיפה נישט געוועז, פון דעסטוועגן האבען זיך אויסגעקליבען פינף גבאים: ה׳ ג. ק. צ. און ר.! אונבעקאנטע הענד האבען אפילו דערויף א פראטאקאל געשריבען און געחתמ׳ט, נאר איינגעשיקט, וואו מען דארף, האט מען דעם פראטאקאל נית. זאל זיין גבאים אהן א פראטאקאל, זענען אבער די גבאים אליין קיין גבאים נישט; זיי קומען אין תלמוד תורה אריין נישט. איין ה׳ ג. בעשעפטיגט זיך מיט דער תלמוד תורה אזוי פיעל, אז פון צייט צו צייט שיקט ער אהין זיין קרוב, געוואהר ווערען, וואס עס הערט זיך...

און די תלמוד תורה? זי נעהט אליין!

עפיס עהנליכס איז געשעהן אין ניעמאן אויך.

מען דארף א רב; דער אלטער, נעביך, האט אויסגעדיענט זיין צייט און איז נפטר געווארען. ביז אין דער לעצטער רגע האט ער שאלות געפסק׳ט, פשרות געמאכט, ביז עס האט איהם אטהעם פערפעהלט.

הכלל מען דארף א רב, קהל איז אבער פויל צו קלויבען, קהל זאגט, אז מען קען יוצא זיין מיט דער אלמנה און יתומים פון אלטען רב, וואס מען דארף שפייזען און ניט נעהמען א נייען עול אויף זיך.

על פי דין מוז אבער זיין א רב! מען דארף, צי מען דארף ניט, עס מוז זיין.

געפינט זיך א יוד א גביר, קלויבט ער אליין אויס א רב.

קיין גרויסער למדן, לויט מען שרייבט, איז דער גביר אפילו ניט, קיין גרויסער ירא־שמים אויך נישט, נאר א נאז, זאגט מען, האט ער. און וועלכער גביר האט עס נישט קיין נאז? אז מען איז א מבין אויף זינגען, איז מען א מבין אויף א רב אויך...

בפרט, אז ער האט באמת געטראפען! — ער האט אויסגעקליבען דעם רבי׳ן זאל לעבען׳ס א לייבליכען קרוב — וואס דארף מען מעהר?

איז דאך אבער א יוד, אפילו א גביר, אין גלות, און חאטש קהל שווייגט און נעמט אן אלס פאר ליעב, זאגט דער פריסטאוו: לאו! א רב, זאגט ער, מוז זיין אויסגעקליבען פון קהל. עס מוז זיין א קלפי, על כל פנים — א פראטאקאל, אז עס איז געוועזען א קלפי! א דין מפורש, זאגט ער!

מה עָשָׂה — וואָס טהוט אַ יוד אַ גביר, אָבטרעטען וועט ער דאָך נישט, שרייבט ער זיך אָב (מיט פרעמדע הענד, נאַטירליך) אַ פּראָטאָקאָל; מען זאָגט — גאָר אַ שענעם פּראָטאָקאָל, עכט רוסישע שפּראַך און על פּי חקי הקאַליגראַפיע! וואו נעמט מען אָבער דעם קהל צום אונטערצושרייבען? מילא צו די עטליכע רייכע בעלי בתים, וואָס זענען פאַראַן אין שטעדטיל, שיקט ער אַהיים דעם פּראָטאָקאָל צו דער חתימה, עס וועט איהם קיינער ניט אָבזאָגען; אָבער וואו נעמט מען דעם „המון"?

פאַלט ער אויף אַ גבירישע המצאה. ס'רוב „המון" זענען בעלי־עגלות, אָביסיל אָבהענגיגע פון גביר און זיינע עסקים, הייסט ער זיינע מענשען, זיי זאָלען פאַר טאָג פערנעהמען די פערד פון פּאַשע און אריינטרייבען צום גביר אויפ'ן הויף.

וְכַךְ הָוָה!

און צו מאָרגענס, קריגט קיין איינציגער בעל־עגלה זיין פערדיל נישט אַרויס, ביז ער שרייבט ניט אונטער דעם פּראָטאָקאָל, און ברענגט נישט קיין חתימות פון זיינע קרובים און גוטע פריינד!

און אויף אַזאַ אופן, הודות להנביר וְהַסוּסִים, האָט קהל געקריגען אַ רב!

---

עס זענען פאַראַנען קראַנקע, וואָס האָבען ל י ע ב זייער אונגליק, וואָס „גראָבלען" שטענדיג אין די אייגענע וואונדען, וואָס האָבען אָן זיי מורא אַ רגע צו פערגעסען, און אַזוי קראַנק זענען אַלע יודישע אינטעליגענטען, וואָס לעזען וואָך־וועכענטליך און טאָג־טעגליך אַנטיסעמיטישע בלעטער, מען האָט אַ משונה'נע הנאה פון דעם גאַל אויסגיסען...

אין איך, אויך אַ יודישער אינטעלעגענט, האָב מיך אַזוי פיעל אָנגעלעזען אין די אַנטיסעמיטישע בלעטער פון יודישער „סאָלידאַרנאָסט", ווי מיר יודען זענען שטענדיג צווישען זיך „קנעפּיל־ביי קנעפּיל", ווי צוזאַמענגעוואַקסען אונזערע נשמות זענען, אַז איך האָב טאַקי געגלויבט, אַז אויב מען גיט אַ פּאַטש אַ יוד פון יענער זייט סמבטיון, ציטערט ראָטשילד אין פּאַריז און פערקעהרט. . .

בפרט די לעצטע צייט: אַ יודישער קאָנגרעס! מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ פאָהרען זיך יודעליך צוזאַמען! האַלטען עצות! אַ יודישע באַנק — פון מזרח, פון מערב, פון צפון, פון דרום שווימט צוזאַמען יודיש־קבצניש־קליין־געלד און עס ווערט איין אוצר, אַ מַטְמוֹן מיט גאָלד! און פון אַלע עקען פון דער וועלט, פון אונטער די הָרֵי חוֹשֶׁך, אויסער איין קעלצער גובערניע — פליהען שקלים אויף אָרגאַניזאַציע! היינט רעדט מען נאָך פון אַ נאַציאָנאַל־פאָנד, פיינע מאַרקען אָבגעדרוקט!

איך האָב געמיינט: זיי האָבען גערעדט און גערעדט, ביז זיי האָבען אויסגערעדט אין אַ מזל'דיגער שעה, אין אַ גוטער שעה! פון היינט אָן וועט זיין „קוש וואָך", טאַקי ווי אין חדש בענשען שטעהט: עַם כָּל יִשְׂרָאֵל אַחֵיהֶם!

בפרט, אַז איך האָב געלעזען, ווי ווינער יודען קלערען, וואָס מען טהוט מיט רומענישע יודען! וואָס זיי וועלען טהון, איז אפילו נאָך אַ סוד, נאָר געננג — מען קלערט!

איי וואָס, דער וואַרשויער ד"ר הערץ, וואָס זאָגט צו אין „פשעגלאָנד טיגאָדניאָווי", אַז ער וועט קיינמאָל זיך נישט אָבטרענען פון דער כנסת ישראל, זאָגט זיך פון דעסטוועגען אָב פון די פויזנער י ו ד ע ן, ווייל זיי זענען נישט קיין שאַרפע פּאָלאַקען — פטור! אַ מענש פון אַלטען דור, דער טאָפּ איז שוין איין אָנגעזאָפּטער!

איי וואָס, אין זדונסקא־וואָלא ווילען די ה י י מ י ש ע פוילישע יודען נישט אַריינלאָזען אויף שבת צום שטאָדט־בעקער קיין ליטווישען קוגעל, ווילען קיין ליטוואַק נישט צולאָזען צו קיין עֲלִיָּה אפילו שִׂמְחַת תּוֹרָה און פסח צייט — אַנטלויפט מען פאַר אַ ליטוואַק, מען זאָל ניט עוֹבֵר זיין אויף „בַּל־יֵרָאֶה" — ווער רעכענט זיך מיט אַזוינע לעכער ווי זדונסקא וואָלא? אויך מיר אַ קהלה — אַ געניץ!

איי וואָס, אַז „הרב הגאון" ריינעס קומט אין אַ ליטווישע שטאָדט אריין דרש'נען, שפּרינגט אַרויף אַ פּרוש אויפ'ן בלעמער און חאַפּט איהם ביי דער גַּרְגֶּרֶת, און אַז „בני־ציון־יונגליך" בעווייזען זיך אין אַ חסידיש מקום־קדוש, רייסט מען זיי אָב די נעז און זיי עפּענען מיט די יונגע הייסע קעפּ די טהיר — מַאי כּוּלֵי הַאי? עס איז אַ סימן פון לעבען, מתים קומען נור ו ו אַ ר ג ע ן און דוקא ביי נאַכט אין שלאָף; פון נעז רייסען האָבען זיי גאָר קיין ידיעה נישט! און דאָס לעבט, אין שענעם העלען טאָג!

אין איינענעם טעפּיל מעג זיך קאָכען, אָדער בנונע צווישען אונז און אַנדערע, אָה! דאָ איז יַד אַחַת: איינער פאַר'ן צווייטען, יעדערער פאַר אַלע.

הער איך אָבער אַז פון אַמור ביי יעקאַטערינאָסלאַוו טרייבט מען אַרויס 600 יודישע פאַמיליען (זייט אייך משער, וויפיעל נפשות) ווייל דער אַרענדאַטאָר פון דער ערד, אַ י ו ד, איהר הערט? אַ יוד, וואָס האָט אויך נישט אין זין צו פערלאָזען די כנסת ישראל, אויסצוטוישען דאָס רענדיל (מען זאָל זיינער פּטור ווערען), ווייל דער יודישער אַרענדאַטאָר האָט נישט געלאָזט, אַז די יעקאַטערינאָסלאַווער דומע זאָל מאַכען פון אַמור אַ פאָרשטאָדט צו יעקאַטערינאָסלאַוו...

ער האָט נאָך מעהר געטהון — ער האָט צוגעזאָגט (און איז, דאַכט זיך, אַ יוד אַ גביר און וועט אַ וַדַּאי האַלטען וואָרט!) צו מַסְרָ'ן די יודען, וואָס וועלען בלייבען, וואָס וועלען, חס ושלום, וועלען פאַלש בלייבען...

און אפשר איז די מעשה נישט אמת, און דער אַמור'ער אַרענדאַטאָר איז נישט אַזאַ ווילדע באַרבאַרישע בריאה? וואָס פערדיענען מיר דערביי? איז דער שרייבער, וואָס איז דאָס מודיע טויזענד מאָל ערגער!

---

אָבער יודישע רחמנות איז שוין אַ זיכערע זאַך?

אויף דעם מעג מען מ ו י ע ר ן שטעלען?

אמת, איין אנגעגעסענער דייטשער יוד פלעגט מבזה זיין אַ הונגעריגען פוילישען שנאָרער! אָבער היינט?!

אמת, אין אַ סך (בפרט פוילישע) שטעדט זענען אַלע צְדָקוֹת נור פאַר היימישע יודען, דאָס הייסט פאַר די, וואָס די פּאָליציי האָט פאַר היימישע פערשריבען, און אַ פרעמדער מעג אויסשטרעקען די צונג...

אַ גמרא: „עֲנִיֵּי עִירְךָ קוֹדְמִין"—פערזאָרג פריהער היימישע אָרימע לייט: איי וואָס, די גמרא מיינט נור די, וואָס געפינען זיך אין שטאָדט, און פערלאַנגט נישט, זיי זאָלען געבוירען ווערען אויפ'ן הייליגען גזשיבאָוו, אָדער די פּאָליציי זאָל זיי איינשרייבען — טייטשען זיי אַנדערש די גמרא!

אָבער אמת היימישע, געבוירענע אָרימע לייט?

איך רעד נישט פון רבנים, זיי געהערען צום בעל־טאַקסע; פון פשוט'ע אָרימע לייט רעד איך. פון פשוט'ע יודען, וואָס האָבען נישט קיין „מחזקות" מיט דער קאָראָבקע, מיט קַצָבִים, מיט הַכְּשֵׁרִים — צי

וועט א יודישע קהלה לאָזען אַזוינע שטאַרבען פֿאַר הונגער? און בִּפְרַט יְתוֹמִים?

שרייבט מען דוקא פֿון מיראָפאָל (וואהלינער גובער.), אַז עס טרעפֿט זיך אַזוינס!

אין מיראָפאָל איז געוועזען איין אלמן מיט קליינע קינדער...

און דער אלמן איז געוועזען אַ קראַנקער, געוואהנט אין אַ "הינ־טער־שטיביל" (אין ווארשוי וואלט ער געוואהנט אין אַ פֿינסטערער נאַסער סוטערינא, אויב די פּאָליציי וואָלט זיך נישט דערוואוסט) און האָט געלעבט אין נויט און אין דחקות מ י ט די קליינע קינדער...

איינמאָל האָט זיך איהם געלאָזט בלוט פֿון האַלז, האָט ער נישט געהאַט קיינעם צו שיקען נאָך אַ ביסיל מילך, נאָך אַ רופא — קליינע קינדער און האַלב נאַקיטע, און עס איז ווינטער צייט...

האָט ער זיך געמאַטערט איבער דער נאַכט...

אין דער פֿריה איז דורכגעגאַנגען אַ סופר — מן הסתם אין מקוה אַריין פֿאַר אַ "שֵׁם" און אפשר פשוט דאַווינען.

בעמערקט ער דורכ'ן פֿענסטער, ווי דער אַלמן ליגט נאָך אין בעט מיט די קליינע קינדער, און די קליינע קינדער שפּיעלען זיך מיט דעם פֿאָטער'ס באָרד.

זיפֿצט ער אָב דער סופר.

ער איז מַקְנֵא אַ יוד, וואָס קען זיך ערלויבען אַזוי לאַנג צו ליגען אין בעט, און נישט צו ציטערן ווי ער אין גאַס אויף דער קעלט...

דערנאָך טראַכט ער: נאַרישע קינדער! מיט וואָס זיי שפּיעלען זיך — מיט אַ באָרד!

און אפשר פֿאַלט איהם איין, אַז אַ באָרד איז אַ דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָׁה און מען דאַרף זיך מיט קיין באָרד נישט שפּיעלען.

טרעף, וואָס אַ געפֿרווירענער סופר האָט אין זין!

נאָר צוריק צו וועגס, אין אַ פּאָר שעה שפּעטער, קוקט ער ווייטער אין פֿענסטעריל אַריין, און זעהט — אַז דער "גליקליכער" יוד ליגט נאָך מיט די קינדערליך אין בעט, פֿאַלט איהם ערשט איין צו דערשרעקען זיך, אויפֿצוהאַקען אַ שויב, אַריינצושפּרינגען אין שטוב אַריין, און גע־וואהר צו ווערן, אַז די קליינע קינדערליך האָבען זיך געשפּיעלט מיט אַ טויטען טאַטענס באָרד!

און די שטאָדט?

די שטאָדט האָט זיך געהאַפּט און געברענגט דעם נפטר צו קבר ישראל... דערנאָך האָט זי אָבגעדונגען די יתומים אויף קעסט, נאָר גע־צאָהלט פֿאַר קעסט האָט זי נישט...

הָאֱמֶת נִתַּן לְהַגִּיד; די שטאָדט האָט איהר איינען פּעקיל. לויט מען שרייבט: צוויי רביים, עטליכע "שענע" אייניקליך, צוויי רבנים, איין אלמנה פֿון אַלטען רב, אויך מיט אייניקליך...

נור די יתומים האָט מען אַרויסגעוואָרפֿען אין גאַס אַריין...

אפשר איז דאָס אויך נישט אמת?

---

נאָר צי איז אמת, אַז אין שטעדטיל ה. לאָזט אַ יודישער אונטער סטאַראסטא, און דוקא אַ כשר'ער יוד, מיט אַ כשר'ער יודישער באָרד, נישט אַרויסנעהמען פֿון "סמעטנע געלד" 12 טויזענד רובל אויף צָרְכֵי־צִבּוּר — צווישען אַנדערע זאַכען אויף אַ תלמוד תורה, ביז מען וועט איהם נישט געבען "לאַ־יֶחֱרַץ" געלד, גאַנצע 10%, ד. ה. צ ו ו ע ל ף ה ו נ ד ע ר ט ר ו ב ל אויף זיין אייגען געברויך?

צי איז אמת, אַז דער אייגענער אונטער־סטאַראסטאַ, געוואהר־ווערענדיג, אַז יונגע לייט ווילען איהם נישט לאָזען ראַבעווען קהל'ס געלד, אַנטרינקען זיך מיט יודישען שווייס און בלוט, אַז דער אייגענער יודישער אונטער־סטאַראסטא האָט אָנגעגעבען אַ פֿאַלשען דאָנאָס, אַז די יונגע לייט קומען זיך צוזאַמען מכלומר'שט לעזען יודישע געשיכטע, יודישע צייטונגען, נאָר מיינען מיינען זיי גאָר עפּיס אַנדערש, זיי ווילען, נישט מעהר נישט ווייניגער, נור איבערקעהרען די גאַנצע מדינה מיט'ן קאָפּ אַראָב מיט די פֿיס אַרויף?

צי איז אמת, אַז האָטש עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דער דאָנאָס איז פֿאַלש, האָט דאָך קהל מורא פֿאַר'ן אונטער־סטאַראסטע ער זאָל נישט מאַכען קיין נייע דאָנאָסען און נישט שטעלען פֿון זיין חברה קיין פֿאַלשע עדות אויך?

צי איז אמת, אַז דער טשודנאָווער רָב בעקומט נישט קיין שכירות, ווייל ער האָט מורא צו פסק'נען אַ דין תורה, און ציטערט פֿאַר אַ נֵט, וואָס אַנדערע רבנים מאַכען כלאחר־יד, קיי־און־שפּיי אָבי אַ קערביל,— דעריבער געהט ער אויס פֿאַר הונגער?

און צי איז אמת, אַז דער סלופּצער רב, וואָס איז נישט קיין בַּעַל־פַּחְדָן, האָט זיך דאָך פֿערשולדיגט ביי אַלע בעלי־בתים מיט קליינע הלואות, ביי'ם בעקער פֿאַר ברויט, ביים שניידער און שוסטער פֿאַר קליידער און שיך, און אַז קהל שווייגט און צאָהלט ניט קיין שכירות, געהט ד'י רביצען און רייסט אָב שטיקער פֿון אייזערנעס בעלעמער אין בית־המדרש, רייסט אויס ברעטער פֿון דער פּאָדלאָגע, ציגעל פֿון דער וואַנד אויף ברויט; און אַז דאָס האָט אויך נישט געהאָלפֿען, האָט זיך דער רב, וואָס איז, ווי געזאָגט, קיין בעל־פחדן נישט, בענוצט מיט דער געלעגענהייט, וואָס אַ שוחט איז נפטר געוואָרען, און פֿ ע ר ק ו י פֿ ט די שחיטה עפּיס אַ "שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל", בפרט אַ "חַלָף שטעלען"?

און צי איז אמת, שוין אַ קלייניגקייט, (מען קען דאָך קיין "שטעדט און שטעדטליך" מיט טראָדעניען נישט ענדיגען), אַז אין קאַלונא געהט אַרום די געלזוכט פֿאַר קנאה?

"דער רב —שרייבט מען— קרענקט, פֿאַר וואָס נישט אַלע קויפֿען זיינע הייוועז. פֿון וועלכע ער האָט הכנסה; דער חזן־און־שוחט צוזאַמען, פֿאַר וואָס מען נעמט נור צוויי חדשים אין יאָהר קיכליך (?) און נור געגזונע פיסליך; דער דַיָן — פֿאַר וואָס מען רופֿט איהן אונטער די אויגען מיט בזיון "יאָשקע" נישט ר' יוסף; דער נגיר פֿון שטעדטיל — פֿאַר וואָס האָבען אויסער איהם אַנדערע בעלי־בתים אויך פרנסה, און די בעלי בתים — פֿאַר וואָס זענען זיי קיין גבירים נישט?

צי איז אמת?

---

אויף די לעצטע, אויף די קאַלוגער מכה וואָלט זיך אַ רפואה געפֿינען.

זאָל קאַלונע אַראָבשיקען אַ שליה מיוחד מיט עטליכע גילדען קיין ווארשוי.

אין ווארשוי מוזט איהר וויסען, קרייזעלט אַרום אין די גאַסען אַזאַ מין מודעה:

"איין ערפֿינדונג צו היילען פֿערשיעדענע קראַנקהייטען: נערוואָזע, שווערע קרענק, רימאַטען, מרידין, מאַגען־בלוט (?), שווענדזעניע, אַסטמאַ, אויגען, ציין, קאָפּ, ווייבערישע זאַכען, "און איר (?) ווייזט וועמען איר האָט געהאָלפֿען (?). פֿון אַכטע פֿריה ביז צוועלף און "פֿון פֿיער ביז אַכט אָבענדס, אויף דער גאַס שמאַלע מילע, נו' 25 וואהנונג 18".

קשיות ניט פֿרעגען, זיינע מעשים טאָר מען ניט איבערקלעהרען. וואָלט ניט געווען א סך גלייכער, אַז ער זאָל לעבען, און איך זאָל ליגען אויף זיין אָרט ? זיין אויף דער עלטער ביי קינדער איז ניט קיין געשמאַקער ביסען. צעהן קינדער זענען ניט שווער פֿאַר איין מאַמען און איין מאַמע איז צו שווער פֿאַר צעהן קינדער. די טאָכטער איז אַפילו א גוט קינד; דער איידעם ניט איהר, דער מוטער, אָב כבוד, לערנט אַלע טאָג אין בית־המדרש און ער וועט געוויס זאָגען קדיש נאָך איהר אויך; נאָך איהם האָט ער געהיט קדיש זאָגען דרייזאָל א טאָג און אַלע טאָג געלערענט א פרק משניות פֿון זיינטוועגען. די זיהן איהרע וועלען געוויס קיין קדיש ניט זאָגען נאָך איהר. זיי וועלען אַפילו ניט וויסען דעם טאָג פֿון יאָהר־צייט. דער אויבערשטער שטראָפֿט מיט איין האַנד און מיט דער אַנדערער בענטשט ער: אָט האָט זי א לייטישען איידעם. גאָט זאָל איהם אויפֿריכטען מיט אַ קינד. די זיהן׳ס קינדער וועלען געוויס ניט וויסען, וואָס איין אַלף איז. מיט איהר איידעם האָט זי ניט וואָס זינדיגען. מסתמא איז זי מעהר ווי דאָס ניט ווערטה, אַנדערע האָבען נחת פֿון זיהן.

* * *

איהרע לעצטע געדאַנקען זענען צומישט מיט אַ דרימעל, איהרע אויגען מאַכען זיך לאַנגזאַם צו און איהר דוכט זיך: זי זעהט איהם, איהר מרדכי׳ן, אין ווייסען, מיט׳ן טלית און תפילין, און אויף זיין פנים רוהט די שכינה. מיט א מאָל עפֿענט זיך די טהיר און ס׳קומען אַריין צוויי הויכע, שענע מאַנסבילען, אין גאָלד און אין דימענטען. זי דערשרעקט זיך, ווי קומען דאָ מיט אַ מאָל אַזעלכע צוויי פריצים ? זי האָט זיך נאָך ניט גוט אַרומגעקוקט, וואָס דאָ טהוט זיך, און די צוויי פריצים פֿאַלען איהר אויפ׳ן האַלז און צוויינען זיך אויפ׳ן קול: „דערקענסט אונז ניט, ליעבע מוטער? מיר זענען דאָך דיינע זיהן, לייבטשיק מיט שלמה׳לען. גאָט האָט אונז געהאָלפֿען, מיר האָבען פֿערדיענט א סך געלד און מיר זענען געקומען זיין עהרליכע יודען". זי חאַפּט אַרום די קינדער און צוהליפעט זיך. זי וויינט און קען קיין וואָרט ניט אַרויסריידען, און זי וויינט מיט נחת. ס׳איז אַזוי זיס און אַזוי ליעב אויפ׳ן האַרצען, און ס׳האַרץ איז אַזוי פֿול, און ס׳גיסט זיך, און גיסט זיך, און זי קען ניט רעדען און קען זיך ניט איינ־האַלטען פֿון וויינען. זי קוקט זיך גיט צו, און זי דערזעהט איהרע פֿערוואָנעלטע קינדער. דער לעבעדיגער לייבטשיקיל, דער לעבעדיגער שלמה׳לע! ביי דעם אויבערשטען איז קיין מאָל ניט צו שפּעט, ביי איהם זענען ניטאָ קיין פֿערפֿאַלענע זאַכען; ער איז אַ גרויסער בריה, ער קען צוריק גאַנץ מאַכען א מאַמע׳ס צובראָכענעם צושטאָכענעם האַרץ. די קינדער קושען איהרע אַלטע, צוקנייטשטע, פֿערוויינטע באַקען, די הענד, און זיי בעטען, זי זאָל ניט וויינען. זיי זעצען זיך נעבען איהר און קוקען איהר אין די אויגען. לייבטשיק ווישט זיך די טרעהרען פֿון די אויגען און שלמה׳לע ווישט איהר די אויגען און די באַקען. זיי בעטען זיך ביי איהר, זי זאָל ניט וויינען, ס׳האַרץ גיסט זיך און גיסט זיך, און וואויל איז דער מאַמען...

— גוט וואָך! האָט דער איידעם געזאָגט אַריינקומענדיג פֿון שוהל,— וואו איז דאָס הינדע ?

די אַלטע עפֿענט די אויגען, און איהר דוכט זיך, אַז אַ ווייסע זאַך האָט אַ שוועב געטהון פֿאַר איהר, אַ שוועב געטהון אויפ׳ן וואַנד, אויפ׳ן באַלקען און פֿערשוואונדען געוואָרען הינטער׳ן ספרים־אַלמער.

א ווייעלע זיצט זי צוטומעלט און לאָזט אַרויס א זיפֿץ. זי קוקט זיך איין דורכ׳ן פֿענסטער, אויב ביי׳ן רב איז שוין אָנגעצונדען פֿייער; זי רייבט אָב די שפּיץ פֿינגער אָן די שויבען, גיט א קוק אויפ׳ן איידעם און הויבט אָן מיט געבעט זאָגען „המבדיל"...

ז. לעווין.

# נ ד ב ו ת:

## פֿיר דעם יודישען נאַציאָנאַל־פֿאָנד

(דורך דער אַדמיניסטראַציאָן „דער יוד", קראַקוי).

ע״י ה׳ א״מ בראָדסקי יעליסאַוועטגראַד (מאת שאפּאַרניקאָוו, זלאַנימסקי, גבאי, ליטווינאַווסקי וגורעוויטש) — 1 ר׳.

ע״י ה׳ משה קראַסילניק שאסף על סעודת אירושין 2, 92

ע״י ח׳ קלמן גאַדיס, על סעודת בר מצוה של בנו, מאנשים שונים 4, 61

ע״י הרב מאַרקוס מיעופאַטינריע מה שנאסף בליל הפורים (מאת הרה״ג מאַרקוס 30 ק׳; ר׳ יעקב יצחק שו״ב, ה׳ טאַבאַצניקאָוו, ראָזענשטיין, סאַלאַמאַנאָוויץ כ״א 50 ק׳, ה׳ צבי פֿרענקעל 2 ר׳, ה׳ צבי חאַווקין 1, 50, ה׳ זילבערמאַן 1. 25 ר׳, בבית דוד איציקמאַן 55 ק׳, בבית יצחק איציקמאַן 40 ק׳, ועוד ועוד) 15, 37

ה׳ שלמה פאַיוק בקאַרטוס־בערעזע 1 —

24 90 ר׳.

צוזאַמען מיט די פֿריהערדיגע 302,72 רו״כ; 24,45 קראָנען.

## פֿיר די אַרבייטער אין א״י.

ה׳ ליב בן נח היילפּערן מקראַסנאַייע — 1, 50 ר׳

## בריעפֿקאַסטען דער אַדמיניסטראַציאָן.

ה׳ סמ—ן ניקאָלסק: איהר האָט געשיקט איבעריגע 50 ק׳; ביטע שרייבט וואָס דערמיט צו מאַכען ?

נו׳ 5274—קאַרני: אייער געלד איז פֿערשריעבען: 2 ר׳ אויף דעם „יוד", 75 ק׳ אויף „פֿאַמיליע" און 1 ר׳ אויף „וועלטגעשיכטע".

ה׳ י. ש. בערשאַדי: פֿאַר אַ האַלב יאָהר יוד און פֿאַמיליע, מיט פּאָרטאָ, קומט 4,50 ר׳; ביטע נאָך געלד צושיקען.

ה׳ וו. ס. ק.—ויטאָמיר: דאָס „פסח בלאַט" עפּעלבערג׳ס וועט זיך מעהר ניט איבערדרוקען. שרייבט וואָס צו טהון מיט די 30 ק׳.

„בית־מקרא" — אומאַן: מיר האָבען אייך געשריבען פער אַדרעסע Почт. ящикъ 13. ביטע צו שרייבען אייער ריכטיגע אַדרעסע אָדער דעם נומר פֿון באַנדעראָל.

ה, א. ב.—מאָזיר: מיר האָבען אייך די נו׳ 6 שוין לאַנג געשיקט.

נו׳ 5390—סטאַראָפּאָל: „די מייסע" איז גאַנץ פשוט: דאָס בלאַט איז נישטאָ און מיר ווייסען אייך נישט וואָס צו שיקען. איהר פֿערשפּאַרט אַלזאָ „מייחיל" צו זיין, נור שרייבען וואָס מען זאָל שיקען.

ה׳ פ. ה. — פּיאַטיגאָרדי: אייער אַגענט האָט אייך אויפֿגעגעבען נאָר אויף דער ערשטער ראַטע.

ה׳ מ. ש. וואַסילקאָוו: עס געפֿינען זיך. יעדע נומער—10 ק״פ.

נו׳ 2444 — חאַלם: איהר האָט איינגעצאָהלט נאָר 2 ר׳.

ה׳ ס. ק. — קעלם: זיין אַדרעסע איז ריכטיג ווי מיר האָבען אייך אויפֿגעגעבען נור ער איז צו הויזע ניט געווען.

ה׳ י. ז. — וואָלקאָווינצי: ווי באַלד איהר האָט ערהאַלטען די נו׳ 16 האָט איהר די נו׳ 17 אויך ערהאַלטען, ווייל די נומער איז איין דאָפּעלטע געווען: 17-16 צוזאַמען.

Verlag „Achiasaf". Verantwortlicher Redacteur M. Berkowicz. Herausgeber u. Buchdrucker Josef Fischer, Krakau

אין אמעריקא איז צו אבאנירען דעם „יוד" אין „די יודישע פאמיליע" אויך אללע אויסגאבען אחיאסף'ס

ביי: S. Kantorowitz New-Jork 4 Rutgerstr. 4

## בריעפקאסטען דער אדמיניסטראציאן

(פארטזעטצונג).

„אגדת־הציונים" — מלאווא: די וועלכע האבען מעהר ערהאלטען האבען מעהר איינגעצאהלט: איהר האט מעהר נים איינגעצאהלט ווי פאר 1 ראטע.

ה' יל"ה—לאיזעווא: „תולדות עם ישראל" אלע 3 טהייל—1,65 ר'. עמק הארזים אין ושארנאן—30 ק'.

ה' ל. ב. אסטראוועק: „די קאלאניסטען"—60 ק'.

ה' פ. בן א'. ז. — טעטיעוו: זעהר שען: איהר ווילט „פון יעדער ווארעמעס, פון יעדער וועטשערע אברייסען (?) א מארקע אדער צוויי" און שיקען פיר דעם „יוד". רייסט און שיקט. נאר עסט עפטערער און שיקט עפטערער, וויל מיט איינע 14 ק' וואס איהר האט אריינגעשיקט קענען מיר אייך די צווייטע ראטע ניט ערנייערן. איהר דארפט נאך שיקען 1,86 ביז עס זאל זיין 2 ר'.

ה' מ. מ. — לובלין: פון „האוצר" האבען מיר ארויסגעגעבען ביז היינט 23 חוברות. איצט הייבען אן צו ערשיינען די איבריגע ביז ער וועט אין גאנצען נעענדיגט ווערען.

487

## האנדעלס שולע מיט פענסיאנאט

### גאילינגען אם רהיין, באדען.

קאנצעסיאנירט פאן דעם מיניסטעריום דעם גראסהערצאגטהום באדען אונד אונ- טער אויפזיכט דערזעלבען. ערציעהונג שטרענג רעליגיעז. — פאלשטענדיגע האנדעלסבילדונג. אונטעררירכט דער דייטשען, פראנצויזישען, ענגלישען, איטאליע- נישען אונד רוססישען שפראכע. פראכטפאללע געזונדע לאגע. בעסטע רעפערענצען.

דירעקטאר א. ראססמאן.

Спасительная новость для курящихъ.

עמפפאהלען פון דאקטוירים.




יעדער קען רויכען אהן שאדען פאר'ן געזונד מיט דעם ציגארען־ שפיץ מונדשטיק־אפפאראט וועלכער רייניגט דעם טאבאק פון ניקאטין און אלע שעדליכע טהיילען. ווער עס רויכט מיט דעם מונדשטיק־אפאראט בעקומט אפילו פון ביליגען טאבאק איין פיינעם און אנגענעהמען גערוך. פרייז פון מונדשטיק אפ- פאראט, פיין געארבייט זילבער־פלאטע אין א שענעם שעדעל מיט איין אילוסטרורטע ביילאגע צו ווייזען ווי צו בענוצען נור 1,50 רובל. פון ריין זילבער 84־טע פראבע — 2 ר' מיט א פערגאלדעטען מאנא־ גראם פון בעשטעלער מיט 30 ק' טהייערער. פאר נאכנאהמע 10 ק'.

I. Французъ, Варшава, Королевская 49п.




Оптическо-Хирургическій и Электрическій складъ

И. ПИКЪ Налевки 35, въ Варшавѣ

עמפפעהלט צו פאבריקס פרייזען ברוכבענדער עלעקטרא־גאלוואנישע וועלכע



זענען זעהר פראקטיש אין געברויך, לייבבענדער, בויכבענדער פיר פרויען, עלאסטישע זאקען פיר געשוואלענע פיס,ברילען מיט ווענעציאנישע גלעזער וועלכע די אייגענשאפט בעזיצען צו שטערקען די אויגען, אויך פערשיעדענע כירורגישע און אפטישע געגענשטענדע פיר קראנקע, ברוכבענדער ווערדען צוגעפאסט דורך איינען ספעציאליסטען. עס ווערט אנגענומען עלעקטריצשנע גלאק ארבייט נייע און פאצינקעס.



י. פיק, נאלעווקע 35

ווארשוי. 545

Поступила въ продажу новая книга:

## ЕВРЕЙСКАЯ ЖЕНЩИНА

### соч. Нагиды (Руѳи) Лацарусъ

съ біографіей и портр. автора и съ предисл. проф. М. Лацаруса. Въ этой единств. въ своемъ родѣ апологіи евр. женщины, авторъ обнаруживаетъ отличное знаніе евр. исторіи и тонкое пониманіе душевныхъ богатствъ евр. женщины и ея высокой роли въ семейной, обществ. и истор. жизни евр. народа.

Кромѣ цѣнныхъ плодотворныхъ историч. и психологич. изслѣд., приведены въ ней многочисл. біографіи знаменитыхъ „Еврейскихъ Женщинъ", всѣхъ временъ, не исключая и современныхъ.

Цѣна этой изящно изданной книги 1 р. 25 к. на велен. роск. бумагѣ (напечат. всего 50 экз.) 2 р.; за перес. 25 к.; перепл. изящн. по 25 к., 40 к. и 1 р. — Продается во всѣхъ лучш. книжн. магаз. и у издателя: Книжный магаз. А. Цукермана Варшава, Налевки 7.

528

С. Г. ФРУГЪ.

## СІОНИДЫ

### съ другія стихотворенія

(1897–1902)

съ портретомъ автора.

Цѣна 1.50 съ пересылкою 1.75.

Обращаться по адресу:

Издат. „Ахіасафъ", Варшава.

איזראעליטישע רעאל אונד האנדעלסשוהלע נעבסט פענסיאנאט צו פפונגשטאדט ביי דארמשטאדט.

די שילער (פאן 8 ביז 15 יאהרען) ערהאלטען גרינדליכע וויסענשאפטליכע אויסבילדונג אונד רעליגיעזע ערציהונג. בעסטע רעפערענצען ביי הערפארראגענדען מאננערן דעם אין־אונד־אויסלאנדעס, זאוויע ביי פריהערען שילערן, די זיך אין אנגעזעהענען שטעללונגען בעפינדען.

505 נעהערעס דורך דירעקטאר ד"ר בארנאס.

שפיגעל־פאבריק

ל. אידעלזאה, ווארשא

ביעליאנססקא נו' 1

עמפפעהלט זיין גראססעס לאגער פאן שפיגעל, שפיגעל־ גלאס, טרוימאס אין דעטאיל אונד ענגרא.

466

**Новооткрытые „Московскіе Номера", комфортабельно устроенные съ образцовой прислугой. При номерахъ домашній ресторанъ. Цѣны отъ 50 к. до 3 руб. за номеръ. Х. Мосевицкій, Варшава ул. Новолипки 10, противъ 2-ой Гимназіи.** 419

## ВАЗЕЛИНОВОЕ МЫЛО
изъ Американскаго Вазелиноваго масла
приготовленнаго Лабораторіей А. ЭНГЛУНДЪ.
Вазелиновое мыло не сушитъ кожу и придаетъ ей пріятную мягкость и бѣлизну.
Цѣна за кусокъ **30** коп.
Завѣдующіе Лабораторіею Докторъ В. К. Панченко и А. К. Энглундъ.
Для предупрежденія поддѣлокъ прошу обратить особенное вниманіе на подпись **А. ЭНГЛУНДЪ** красными чернилами и марку С.-Петербургской Косметической Лабораторіи, которыя имѣются на всѣхъ препаратахъ. Получать можно во всѣхъ лучшихъ аптекахъ, аптекарскихъ, косметическихъ и парфюмерныхъ складахъ Россійской Имперіи. Главныя агентства и склады фирмы для Европы: Эмиль Беръ, Гамбургъ; для Южной и Сѣверной Америки: Л. Мишнеръ, Нью-Іоркъ. Главный складъ для всей Россіи **А. ЭНГЛУНДЪ**, С.-Петербургъ, Бассейная ул., 27.

## לבעלי בריתי ליזכרון תמיד!!!
אדריסתי היא רק בת ני מלים:
Я. Нейдичъ Варшава.
פראספעקט ישולח חנם לכל דורש

ACTIEN-GESELLSCHAFT
DER METALLWAAREN-FABRIKEN
**Konrad, Jarnuszkiewicz & Co.**


St. PETERSBURG, GR. MORSKAJA, №15.
(Telephon 2673.)
MOSKAU. WARSCHAU.
Б. Лубянка, 2 Стр. Общ. Россія   Грибная ул. 19 соб. домъ

ווערי עם וויל גוטע שפייזען עסען זאל מיין אדרעס נישט פערגעסען, ביי מיר איז פריהשטיק אבענדברויט מיטאגען פריש און גוט קיינער וועט זיך נישט בעקלאגען. 470
אדרעס: לעזזין געגשא 18 וו.23.

## פרויען פינדען וויכטיגע נייעס!
אין דאס עבען ניי-ערשיענענע מעדיצינישעבוך פון דר. שלאפאבערסקי, אונטער דעם נאמען:
### „איבער דאס ערנעהרען דאס קינד אין דעם ערסטען לעבענס-יאהר".
ענטהאלט א סך נעטהיגע לעהרע און וויסענשאפט, נוצליכע רעגעלען ווי קינדער צו האדעווען. זא איין בוך וועלכעס איז נאך אין יודיש-דייטשער שפראך נישט פארהאן, איז אונבעדינגט נעטהיג פאר יעדע פרוי, וואס ווינשט דאס איהר קינד זאל לעבען און געזונד זיין, דען א אמת'ער „מאמע שולחן ערוך" איז עס פאר אלע געטרייע גוטע מוטטער. גאנץ פאפולער געשריבען און זעהר שען געדרוקט (מיט נקודות) א. ז. וו.
☞ פרייז נור 35 קאפ בוכהענדלער און אגענטען, וועלכע ווערען גע-זוכט, בעקאמען געהעריגען ראבאט!
אדרעססע:
Д-ръ Я. П. Шлапоберскій, Шавли, Ков. губ.
Dr. J. Schlapoberski, Schawel, Kowner Gouwern.



## געגען מערידען און פוקלעם!
אפאראט וועלכער היילט גרינדליך אהנע אפעראציע פרייז 2 ר' 50 קאפ.
**Д. МОШКОВСКІЙ**, Варшава, Мурановъ 16
съ І-го Іюля Налевки 37. 503



קרעם קאזימי
## „מעטאמארפאזא"
דאס בעסטע קאסמעטישע מיטעל געגען זומער-שפראסען, מאכט דאס געזיכט ריין און צארט.
אלס איינציגער בעוויז פון עכטקייט איזט דער אונטערשריפט:
*Calzimi* אהנע דען אונטערשריפט איזט געפעלשט, ווירד אין אלע אפאטהעקען און פערפום-געשעפטען פערקויפט.
דער הויפט-פערקויף איזט אין האנדעלס-הויז
### י. ב. סגל ווילנא-אדעסא.
אין בעטראכט פון געפעלשטע „מעטאמארפאזא" האט דער ערפינדער „קאזימי" א נייעם ריסונעק אויף די פלאקאטען צוגעגעבען:
„די קוועלע פון שיינהייט — מעטאמארפאזא"
בעשטעטיגט פון האנדעלס- און מאנופאקט. דעפארטאמענט נו' 4683 וועלכער ווירד אין אילוסטרירטע זורנאלע פובליקירט ווערדען. 540

## אהוב את המלאכה 509
אלע סארטען שפיגעל - מאכען גרינדליך לערנט אויס רער 25 יעהריגער פראקטיקאנט אין די שפיגעלפאבריקאציאן
**Юдка Вейнблятъ**
Варшава, Слизская 22.

# אלבום
## ציורים מכתבי הקדש.
באלבום הנהמר הזה, שאין דוגמתו בספרתנו, נמצאים חמשים ציורים נהדרים מציירים מפורסמים אנגלים, צרפתים ואשכנזים מתורה, נביאים, כתובים וכתובים אחרונים בסדר דברי הימים לבני ישראל. כל ציור וציור מבואר מתחתיו במקורו בתנ"ך.—ונמצאו המקורים מתורגמים לשפות רוססית או פולנית או אשכנזית לחפץ הקונה. — האלבום הזה ראוי לתתו בתור תשורה לנערי ישראל לגדולים ולקטנים וגם כעזר בלמוד התנ"ך. 539
מחירו 85 ק' עם המשלוח. בכריכה יפה 1 ר' ובכריכה מהודרה לתכלית היופי 1.20.
למורים, למו"ס ולסוכנים הנחה הגונה!
Книжный магазинъ и библіотека А. Цукермана, Варшава Налевки 7.
Verlagsbuchhandlung A. Zuckermann, Warschau, Nalewki 7.

## וויכטיג פיר גערבער!!!
איך פערקויף נור פיר בארעס געלד דענראס, טראנען אונד דיגאערגלאנען צו 1,50 א פוד, טראנען פערשיעדענע פון 2 ביז 6 רובל א פוד. האנדגעלד 20 %, בעוואוסטע פירמעס אהנע האנדגעלד. 514
И. М. Матузонъ.
Варшава Дикая 45.

## אגענטען
(נור מיט גוטע רעקאמענדאציעס).
אויף רוסלאנד און פוילען, זוכט די וועשע-פאבריק פון
В. Каменецкій, Варшава, Налевки 28.
צו אנטווארט א 7 קאפ' מארקע.
גרויססער אויסוואהל געפרעסטער וועשע, בעסערער קוואליטעט, אנגרא און דעטייל.

## !! מעבלירטע צימער !!
מוסטערהאפט זויבער און בעקוועם איינגעארדענט, אים פרייזע פון 50, 60, 75, 90, 1.25, 1.50 ביז 2 רו"כ א טאג. באדע-צימער (וואננעס), גאזבעלייכטונג. רעעלע בעהאנדלונג און פינקטליכע בעדיענונג. מיטטאגע פרישע און שמאקהאפטע פון 35 קאפ. אן סאמאווארען א 10 קאפ.
ה. דווארעצקי, סט.-יערסקא נו' 34.
Меблированныя омнаты
Х. М. Дворецкаго, Варшава
388 Св. Георгія 34.

## פריילינען און דאמען
קענען זיך אויסלערנען גוט שניידערן און נייהען אין א קורצע צייט דורך בריעף אין זשארגאן, רוסיש און דייטש. די מעטאדע איז די בעסטע און די גרינגסטע. אפילו 12 יאהריגע מעדכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה א מארקע. ניט זוימט און פרעגט אן ביי
Г-жѣ Бертѣ Найдичъ,
507 Варшава.